STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04690

VIKHTIKE PROBLEMEN FUN DER ARBETER BAVEGUNG

Permanent preservation of this book was made possible
by Zale & Arlene Oser
in memory of
Alexander & Rose Oser and David & Gertude Gelb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווירטיקע פּראָבלעמען פון דער
אַרבעטער באַוועגונג

הלל ראָגאָף: די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע
אַמאָל און היינט.

ד״ר ל. העַנדין: צוואַנציק יאָר פון קאָמוניסטישער
טעטיקייט אין די טרייד-יוניאָנס.

נ. כאַנין: די פאַרניכטונג פון דער אידישער סאָציאַליסטישער
באַוועגונג אין פוילן — און די אויפגאַבן פון דער אידישער
סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע.

אַרויסגעגעבן פון
**דער ניו-יאָרקער סיטי קאָמיטעט פון
אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.**
פאַרלאַג „דער וועקער״
ניו-יאָרק, 1940

פרייז — 10 סענט.

די דאָ אָפּגעדרוקטע דריי רעפעראַטן פון די גענ. ה. ראָגאָף, ד״ר ל. הענדין און נ. כאַנין זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף דער ניו-יאָרקער סיטי-קאָנווענשאָן פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 22טן, 23טן, 24טן און 25טן דעצעמבער, 1939, אין ניו יאָרק.

הלל ראָגאָף

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע אַמאָל און היינט.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקא האָט דורכ־געמאַכט דריי עפּאָכן. די גאָר ערשטע צייט איז די סאָציאַליס־טישע באַוועגונג ניט געווען קיין אַמעריקאַנער באַוועגונג, זי איז דאַן ווירקליך געווען, ווי אונזערע געגנער האָבן איר גערופן, אַ „פאָרעין אימפּאָרטיישאָן", אַן אויסלענדישע אימפּאָרטאַציע. אין יענער צייט איז די באַוועגונג באַשטאַנען כמעט דורכאויס פון אימיגראַנטן, פריער פון דייטשן און שפּעטער אויך פון אידן. זיי האָבן ניט געקענט אַמעריקע. זייער גאַנצער אינטערעס איז געלעגן מיט דער אַלטער היים. די באַוועגונגס אַרבעט אין יענע יאָרן איז באַשטאַנען פון לערנען סאָציאַליזם און פון אָנהאַלטן אַן אינטערעס און שיקן הילף צו די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע באַווע־גונגען אויף יענער זייט ים. מיט דעם לעבן פון אַמעריקע, מיט דער פּאָליטיק פון אַמעריקע האָט דאַן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געהאַט זייער ווייניק שייכות.

שפּעטער אַ ביסל, אין דער צווייטער עפּאָכע האָט די באַוועגונג זיך גענומען אינטערעסירן מיט אַמעריקע. אָבער דער אינטערעס איז געווען דורכאויס אַ נעגאַטיווער, אַ קריטישער. אַלץ אין אַמעריקע האָט ניט געטויגט, ווייל עס איז געווען אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. מען האָט דעמאָלסט אַלץ ארונטערגעריסן. מען האָט געוואַרט אויף דער ווייטער צוקונפט ווען עס וועט קומען דער סאָציאַליזם — דעמאָלסט וועט אַלץ ווערן גוט. דער סאָציאַליסט האָט דעמאָלסט ניט געזען קיין אונטערשייד פון איין פּאַרטיי און דער צווייטער; ער האָט זיי אַלע גלייך פארקאַמט. ער האָט קריטיקירט אַלע אינ־סטיטוציעס אין לאַנד. אַ גוטער סאָציאַליסט איז געווען יענער וואָס האָט געקענט אָנווייזן אויף אַ סך חסרונות אין אַמעריקע. וואָס מער חסרונות ער האָט געקענט אָנווייזן אַלץ מער אָנגעלייגט איז ער געווען ביי דער באַוועגונג.

און דאָן איז געקומען די דריטע עפּאָכע: די עפּאָכע נאָך דער מלחמה, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן צו אידענטיפיצירן מיט'ן לאַנד. זי איז געוואָרן אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, אַ טייל פון עקאָנאָמישן און געזעלשאַפט־לאַכן לעבן — דאָס איז די עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבן היינט.

איך מיין ניט צו זאָגן, אַז מיר, סאָציאַליסטן, זיינען געווען אין גאַנצן שולדיק אין דעם, וואָס מיר זיינען אין פריערדיקע עפּאָכן געשטאַנען אַזוי ווייט אָפּגעזונדערט פון דער פּאָליטיק אין לאַנד. אַ גרויסע טייל פון דער שולד מוז צוגעשריבן ווערן צו דער דעמאָלדיקער לאַגע פון אַמעריקע. מיר זיינען געשטאַנען פון דערווייטנס ווייל עס איז כמעט געווען אוממעגלאך צוצוקומען מיט אונזערע אידייען און אונזער פילאָזאָפיע צו די גרויסע מאַסן. זיי האָבן פּשוט ניט געקענט פארשטיין אונזער שפּראַך, אונזער צוגאַנג צו די פראַגן פון פּאָליטיק און עקאָנאָמיע.

די גרונט פילאָזאָפיע פון די מענטשן, וואָס האָבן די ערשטע גענומען בויען אַמעריקע איז געווען אינדיווידועלע פרייהייט. זיי זיינען אַהער געקומען פון לענדער וואו זיי זיינען געווען געצאַמט און געבונדן. יעדערער דאָרט האָט באַלאַנגט צו אַ באַשטימטן קלאַס, צו אַ געוויסע קאַסטע פון וועלכע עס איז כמעט געווען אוממעגלאך אַרויסצוגיין. דאָרט האָט ער געמוזט גיין אויף איין וועג פון דעם טאָג פון זיין געבורט ביז'ן טויט.

ווי מענטשן האָבן זיי זיך אין אַמעריקע דערפילט פריי, פריי צו טאָן וואָס זיין ווילן, פריי צו אונטערנעמען זאַכן, צו בויען פאַר זיך אַן אייגענעם לעבן. און זיי האָבן די פרייהייט געשעצט, פּשוט פאַרהייליגט. מיט די מעגלאַכקייטן וואָס די נייע פרייהייט, די אינדיווידועלע פרייהייט האָט די מענטשן געגעבן האָבן זיי אונטער־נומען גרויסע זאַכן, געמאַכט געוואַלדיקע אָנשטרענגונגען, בייגע־קומען גרויסע געפאַרן.

די גייסטיקע פירער פון לאַנד האָבן געלערנט דער יוגנט אָפּצור־היטן די אינדיווידועלע פרייהייט, אָנווייזנדיק אויף דעם וואָס זייערע עלטערן האָבן דערמיט דערגרייכט, וואָס דאָס לאַנד האָט דערפון געוואונען. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ מין רעליגיע פון אינדיווידועלער פרייהייט ,אַ גלויבן, אַז ווען מען לאָזט דעם איינצעלן פריי צו בויען זיין אייגענעם לעבן, צו באַשטימען זיין אייגענעם שיקזאַל, קען ער דערגרייכן ביז די סאַמע הימלען.

מיט דער צייט איז פֿאַרגעקומען אַן ענדערונג. דער אינדי־ווידואַליזם האָט אָנגעהויבן צו ברענגען אומגליק פֿאַר דעם לאַנד און פֿאַר די מאַסן. וואָרים מיט דער צייט האָט אַ הייפּעלע מענטשן, טאַקע דורך די פרייהייטן, וואָס זיי האָבן געהאַט, איינגע־זאַמלט פֿאַר זיך געוואַלדיקע אוצרות און גענומען באַהערשן דאָס לאַנד. דער אינדיווידואַליזם, וואָס איז געווען גוט אין די ערשטע יאָרן איז שפּעטער געוואָרן אַ געפֿאַר. און דאַן האָבן מאַנכע מענטשן אָנגעפֿאַנגען צו פֿאַרשטיין, אַז דער אַלטער באַגריף איז גע־ווען אַ טעות. זיי האָבן איינגעזען, אַז ווען מען וואָלט פֿון אָנפֿאַנג אָן ניט דערלאָזט, אַז יעדערער זאָל כאַפּן וויפֿיל ער קען פֿאַר זיך, ווען די רעגירונג וואָלט פֿון סאַמע אָנפֿאַנג געטראַכט וועגן דעם כלל, וואָלטן ניט געשאַפֿן געוואָרן אַזעלכע פּראָבלעמען ווי עס האָבן זיך ענטוויקלט אין די לעצטע דרייסיק־פערציק יאָר.

די סאָציאַליסטן האָבן די ערשטע אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם. ווייל די פֿילאָזאָפֿיע, דער גרונט געדאַנק פֿון דער סאָציאַליס־טישער וויסנשאַפֿט איז, אַז דער איינצלנער אין דער געזעלשאַפֿט טאָר ניט זיין אומבאַגרעניצט אין זיינע עקאָנאָמישע מעגלאַכקייטן, אין זיינע עקאָנאָמישע רעכט. וויכטיק איז דער גאַנצער קאָלעק־טיוו, אַלע מענטשן אין דער געזעלשאַפֿט, און עס איז די אויפֿ־גאַבע פֿון דער אָרגאַניזירטער מאַכט, פֿון דער רעגירונג צו באַשיצן ניט בלויז דעם איינצלנעם געגן דער געזעלשאַפֿט, נאָר אויך די געזעלשאַפֿט געגן דעם איינצלנעם; אַז די אויפֿגאַבע פֿון דער רעגירונג איז צו זאָרגן פֿאַר אַלעמען. וואָס ווייטער האָבן מער און מער מענטשן גענומען איינזען די ריכטיקייט פֿון דעם דאָזיקן געדאַנק.

יעדער פֿלאַנץ וואָס וואַקסט, וואַקסט אַ געוויסע צייט אונטער דער ערד. דער פֿאַרבייגייער מערקט עס אפֿילו ניט. ער ווייס ניט, אַז דאָרטן אינעווייניק ענטוויקלט זיך אַ פֿלאַנץ. עס קומט אָבער אַ מאָמענט ווען די פֿלאַנץ רייסט זיך דורך און ענטפּלעקט זיך פֿאַר די אויגן. עפּעס פּאַסירט, וואָס מאַכט מעגלאַך די ענטפּלעקונג, אַז דאָס וואָס ליגט אונטער דער ערד זאָל אַרויסשפּראָצן.

אָט דער עפּעס איז פֿאָרגעקומען אין 1932 מיט דער דערוויילונג פֿון רוזוועלט׳ן אַלס פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניגטע שטאַטן. די כחות זיינען שוין געווען אָנגעזאַמלט פֿון פֿריער; מען האָט זיי אָבער ניט געזען. דאַן האָט פּאַסירט דער איבערברוך אין דער

פּאָרמע פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס, און דער קריזיס האָט געבראַכט צו אַ איבערקערעניש. רוזוועלט איז דערוויילט געוואָרן פּרעזידענט. און דאָס וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אונטערערדיש אין פאַר־לויף פון יאָרן האָט אַרויסגעשפּראָצט פאַר דער עפנטלאַכקייט.

רוזוועלט אַליין, ווען ער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט ניט פאַרשטאַנען די אַלע זאַכן אַזוי קלאָר. ער האָט ניט געוואוסט, אַז ער איז „געשיקט געוואָרן פון שיקזאַל" צו מאַכן אַן איבערקערע־ניש אין לאַנד. אין זיין רעדע ביי דער איינשוועררונג האָט ער געזאָגט, אַז ער ווייס בלויז איין זאַך: אַז אַזוי ווי ס'איז, טויג ניט; אַז מען דאַרף טאָן עפּעס נייעס אין אַמעריקע. און מיט דעם געדאַנק איז ער אַריין אין זיין אַמט אַלס פּרעזידענט.

ווען ער האָט זיך גענומען זוכן דעם נייעם וועג האָט ער קיין אַנדערן ווי דעם סאָציאַליסטישן ניט געקענט געפינען. און ער האָט גענומען גיין אין דער סאָציאַליסטישער ריכטונג.

וואָס מיין איך מיט די ווערטער: ער האָט גענומען גיין אין דער סאָציאַליסטישער ריכטונג. ער האָט זיך געשטעלט אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז דער אינדיווידואַליסטישער געדאַנק איז אַ פאַל־שער; אַז די אויפגאַבע פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג איז צו זאָרגן פאַר די גרויסע מאַסן פון לאַנד. דאָס איז געווען אַ גאַנץ נייער געדאַנק פאַר אַמעריקע. לויט די אַלטע אַמעריקאַנער אידייען און פילאָזאָפיען האָט זיך די רעגירונג ניט געטאָרט מישן אין עקאָנאָמישע אָנגעלעגנהייטן. זי האָט געדאַרפט בלויז אַכטונג געבן, אַז איין מענטש זאָל ניט געשטערט ווערן פון צווייטן, אַז עס זאָל זיין פרידן, אָבער מישן זיך אין עקאָנאָמישן לעבן האָט די רעגירונג ניט געטאָרט. מאַנכעסמאָל זיינען געמאַכט געוואָרן געזעצן צו קאָנטראָלירן געוויסע אינדוסטריען, אָבער יענע געזעצן זיינען געמאַכט געוואָרן די אינדוסטריען צו העלפן. ווען צום ביישפּיל, עס איז אָנגעגאַנגען אַ האַלדז־שניידנדע קאָנקורענץ צווישן די רעיל־ראָודס אָדער צווישן די אויל קאָמפּאַניס און מענטשן זיינען געגאַנגען אין בלוט, האָט זיך די רעגירונג אַריינ־געמישט און געמאַכט געזעצן צו האַלטן אָרדנונג, דאָס איז געטאָן געוואָרן אין די אינטערעסן פון די רעיל־ראָוד און אויל אינדוסטריע ניט אין די אינטערעסן פון פאָלק. און אויב די רעגירונג האָט זיך אַמאָל יאָ אַריינגעמישט אין אַן אינדוסטריע פאַר די אינטערעסן

פון פאָלק, איז געקומען דער סופרים קאורט און האָט געזאָגט, אַז זי האָט עס ניט געטאָרט טאָן.

רוזוועלט האָט דאָס אַלץ געענדערט. ער האָט געזאָגט, אַז די רעגירונג מוז זיך אריינמישן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן. ער האָט געמאַכט געזעצן וועגן רעליף פאַר אַרבעטסלאָזע, וועגן העלפן די פאַרמערס קריגן העכערע פרייזן פאַר זייערע פּראָדוקטן; ער האָט געמאַכט אַ געזעץ צו געבן הלוואות צו ביזנעס לייט, צו באַשיצן אינוועסטאָרס; ער האָט געמאַכט געזעצן, וואָס רירן אָן יעדן ווינקל אין דעם עקאָנאָמישן בנין פון אונזער לאַנד. ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער: זיין רעגירונג האָט אָנגעהויבן אַליין צו שאַפן ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. זי איז אַריין אין די יוטילי־טיס ביזנעס, זי האָט אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיט פּריוואַט אינ־דוסטריען, זי האָט גענומען בויען וואוינונגען פאַר אָרימע פאַ־מיליעס; זי האָט געמאַכט פּלענער צו באַזאָרגן לאַנדלאָזע פאַר־מערס מיט נייע ערד.

און דאָס הייפעלע מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעזאַמלט אַזוי־פיל אייגנטום, וועלכע זיינען געוואָרן עקאָנאָמיש אַזוי מעכטיק דורך פריערדיקער אינדיווידועלער פרייהייט האָבן אין רוזוועלט׳ס האַנד־לונגען אָנגעהויבן צו זען אַ געפאַר פאַר זיך, און צווישן זיי האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ רעוואָלט געגן דעם רוזוועלט׳ס „ניו־דיל״. די ערשטע צייט זיינען די גרויסע קאַפּיטאַליסטן און אפילו די קלענערע קאַפּי־טאַליסטן געווען צעטומלט. אַ חוץ דעם זיינען זיי געווען שרעקלאַך דיסקרעדיטירט צוליב דעם קריזיס. זיי זיינען געווען צעשראָקן און זיי האָבן מורא געהאַט צו פּראָטעסטירן. שפּעטער האָבן זיי אָבער דער־זען, אַז די זאַך ווערט געפערלאַכער פון טאָג צו טאָג. און עס האָט זיך ענטוויקלט דער גרויסער אויפשטאַנד געגן ניו־דיל.

דורך דער צייט וואָס רוזוועלט האָט דורכגעפירט זיין ניו־דיל איז ער אַליין געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער האָט גענומען בעסער פאַרשטיין זיין ריזיקע אויפגאַבע. דאָס האָט ער געהאַט צו פאַר־דאַנקען די מענטשן מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגערינגלט. די מענטשן זיינען אין זייער גאַנצן גלויבן געווען סאָציאַליסטן. זיי האָבן ניט געזאָגט אָפן, אַז זיי זיינען סאָציאַליסטן. אָבער זייער אַרט דענקען, זייער שטעלונג צו עקאָנאָמישע פּראָבלעמען איז געווען אַ סאָציאַליסטישע. די מענטשן האָבן געקראָגן אַ דערציאונג אין אונזער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. רוזוועלט האָט זיי צור־

געצווינגן צו זיין אדמיניסטראַציע ווייל זיי זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען וואָס ער וויל, וואוהין ער צילט.

מיר האַלטן איצט ביים מאָמענט ווען די געגנער זיינען פעסט ענטשלאָסן דעם רוזוועלט־געפאַר צו באַקעמפן. ניט בלויז די רעפּובליקאַנישע פאַרטיי איז געגן רוזוועלט'ן. עס זיינען פאַראַן פונקט אזוי פיל געגנער צו רוזוועלט'ן אין דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי ווי אין דער רעפּובליקאַנער. עס איז איצט ניט קיין פראַגע פון פאַרטיי. עס איז אַ פראַגע פון איין וועג אָדער אַ צווייטן. עס איז איצט אַ פראַגע: צי גיין פאָראויס מיט רוזוועלט'ן, צי צוריקגיין אויף דעם אַלטן וועג. אָט מיט דער גרויסער פּראָבלעם וועט די פּאָליטיק זיך פאַרנעמען אין די נעקסטע יאָרן, אין דעם וועט באַשטיין דער גרויסער קומענדער פּאָליטישער קאַמף.

דער איצטיקער מאָמענט אין די אַמעריקאַנער געשיכטע קען פאַרגליכן ווערן מיט די יאָרן פאַר דעם בירגער קריג. דעמאָלסט זיינען אויך געווען צוויי גרויסע פאַרטייען אוןביידע פאַרטייען האָבן ניט גענומען די ריכטיקע שטעלונג צו די פּראָבלעמען אין לאַנד. זיי האָבן זיך געשפּילט אין פּאָליטיק, ביז עס איז געקומען אַ מאָמענט ווען עס האָט ווייטער ניט געקענט אזוי גיין און עס איז געבאָרן געוואָרן די רעפּובליקאַנער פאַרטיי, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז מען מוז געפינען אַ לייזונג צו דער נעגער־פראַגע. די גאַנצע פּאָליטיק האָט זיך מיט אַמאָל איבערגעבראָכן און עס איז פאָרגעקומען אַ נייע פּאָליטישע אָריענטאַציע.

אין אזא לאַגע געפינען מיר זיך היינט. די פּראָבלעם באַשטייט אין דעם, צי אַמעריקע זאָל גיין ווייטער אין אַ סאָציאַליסטישער ריכטונג אָדער זי זאָל גיין צוריק אין דער אַלטער ריכטונג. רוזוועלט פערזענליך איז דאָ ניט וויכטיק. עס קען זיין, אַז ער וועט זיך צוריקציען פון פּאָליטיק, אַז ער וועט מער ניט לויפן אַלס קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. אָבער עס איז מער ניט וויכטיק צי רוזוועלט וועט לויפן אָדער ניט. וויכטיק איז צי וועט אין נעקסטן עלעקשאָן זיין אַ פאַרטיי, וואָס וועט פאָרזעצן די רוזוועלט ריכטונג. עס איז מעגלאַך, אַז אַזאַ פאַרטיי וועט ניט זיין. די רעפּובליקאַנער וועלן זיכער אַרויסשטעלן אַ קאָנסערוואַטיוון קאַנדידאַט. און עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די דעמאָקראַטן זאָלן טאָן דאָס זעלבע.

דער רעכטער פליגל אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי קען געווינען די קאָנווענשאָן און נאָמינירן אירן אַ קאַנדידאַט.

וואָס וועט אַ קאָנסערוואַטיווע אַדמיניסטראַציע טאָן? איך גלויב ניט, אַז זי וועט וואַגן אָפּצומעקן אַלע געזעצן, וואָס רוזוועלט האָט דורכגעפירט. אַזעלכע רעפאָרמען ווי די סאָשל סעקיוריטי־ און די ווייג־אַון־האָור געזעצן וועלן מוזן בלייבן. אָבער די געזעצן זיינען נאָך אַלעמען ניט מער ווי רעפאָרמען. זיי זיינען צו ענדערן דעם עקאָנאָמישן געבוי אָדער ענטוויקלונג גאַנג פון לאַנד. וויכטיקער זיינען אַזוינע אונטערנעמונגען ווי די טי־ווי־עי, געזעצן, וואָס פירן אַריין די רעגירונג אין ביזנעס, אין ביזנעס פון מאַנו־פעקטשורן און פאַרקויפן טרייב־קראַפט. אַ וויכטיקער געזעץ איז אויך דער וואַגנער לייבאָר אַקט, וועלכער זאָגט, אַז די אַרבעטער מוזן האָבן די רעכט זיך צו אָרגאַניזירן, אַז די רעגירונג מוז זיי אין דעם באַהילפיג זיין. די געזעצן צייכנען אָן אַ נייעם וועג פאַר אַמעריקע. יענע פּאַרטיי, וואָס וועט זיך שטעלן די אויפגאַבע, אַז די דאָזיקע געזעצן מוזן פאַרגעזעצט ווערן איז אין גרונט גענומען אַ פּאַרטיי פון אַ געוויסן סאָציאַליסטישן כאַראַקטער.

וועט זיין אַזאַ פּאַרטיי אין אַמעריקע אין די וואַלן פון 1940? ווי געזאָגט, קען זיין אַז ניט. אויב רוזוועלט וועט נאָמינירט ווערן אָדער אויב עס וועלן נאָמינירט ווערן אַזעלכע מענטשן ווי איקעס אָדער דזשאָדזש דאַגלעס, דאַן וועלן מיר אַזאַ פּאַרטיי האָבן. אַ פּאַר־טיי, וועלכע איז פּראָ־סאָציאַליסטיש אין אירע אָנשויאונגען און אין אירע שטרעבונגען. אויב אָבער עס וועט נאָמינירט ווערן אַ קאַנ־דידאַט, וועלכער האַלט, אַז אָט די אָנגעצייכנטע געזעצן דאַרפן געענדערט ווערן, אָפּגעשוואַכט ווערן וועט עס מיינען, אַז מיר וועלן אַזאַ פּאַרטיי ניט האָבן און אַז דער גאַנג צום סאָציאַלן איבער־בוי וואָס רוזוועלט האָט אָנגעהויבן וועט אָפּגעשטעלט ווערן.

וואָס עס וועט פּאַרקומען ביי דער דעמאָקראַטישער קאָנווענ־שאָן קען קיינער ניט פאָראויס זאָגן. איצט קומט פאָר אַ אינער־לאַכער קאַמף אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. איך גלויב, אַז די פּאַרטיי פירער זיינען פאַראינטערעסירט אין פּאָליטיק און ניט אין פילאָזאָפיע. די פירער האָבן אין זינען איין זאַך — צו געווי־נען די עלעקשאָן. און זיי וועלן טאָן אַלעם מעגלאַכעם צו געפינען אַ קאָמפּראָמיס קאַנדידאַט, אַ מענטשן, וואָס וועט קענען פאַרבלענדן ביידע צדדים ביז נאָך דער עלעקשאָן. זיי אַליין זוכן אַ קאַנדידאַט,

וואָס האָט שטענדיק געשטיצט רוזוועלט'ן אָבער איז אין האַרצן קאָנסערוואַטיוו. אויב אַזאַ קאַנדידאַט וועט אַרויסגעשטעלט ווערן וועט עס מיינען, אַז די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעקערט פון רוזוועלט'ס וועג.

אָט די אַלע זאַכן דאַרפן מיר סאָציאַליסטן האָבן אין זינען, מיר מוזן וויסן קלאָר וואָס עס שטייט פאַר אונז פאָר און באַשטימען ווי צו האַנדלען אין דער לאַגע.

די פּראָבלעם איז אַ צווייענדיקע. עס איז איצט געקומען צו אַ לאַגע אין דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיע, ווען מען קען ניט געפינען באַשעפטיקונג פאַר אַלע אַרבעטער. אין אַזאַ לאַגע מוז די רעגירונג איבערנעמען אין אַ גרויסער מאָס דער עקאָנאָמישער מאַשין פון לאַנד. די פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזיקייט וועט אַנדערש ניט קענען געלייזט ווערן. ס'איז דאָ בלויז איין וועג—דער סאָציאַליסטישער וועג. אינדוסטריען וואָס קענען ניט אַריינזאַפּן אַרבעטער ווייל עס לוינט זיך ניט די קאַפּיטאַליסטן אין זיי צו אינוועסטן, אָדער ווייל זיי לוינט זיך די אינדוסטריען צו האַלטן האַלב פּאַראַליזירט, דאַרפן איבערגענומען ווערן פון דער רעגירונג.

לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל אַזאַ קראַנקע אינדוסטריע ווי די רעיל־ראָודס. די מערסטע רעיל־ראודס זיינען באַנקראָט. ווען זיי וואָלטן געווען אין אַ נאָרמאַלן, געזונטן צושטאַנד וואָלטן זיי געקענט באַשעפטיקן אַ סך אַרבעטער. אַ סך ליניעס פאָדערן גרויסע איבערבוי־אַרבעט, נאָר די איצטיקע אייגנטימער ווילן עס אָבער ניט טאָן. עס לוינט זיי ניט צו מאַכן די הוצאות. כל זמן די אינדוסטריע ווערט געפירט פון פּריוואַט קאַפּיטאַל וועט זי מוזן רעזיגנירן, דאָס מיינט, אַז טויזנטער און טויזנטער, וועלכע וואָלטן געקענט געפינען אַרבעט ביים איבערבויען די אינדוסטריען בלייבן אַרבעטסלאָז. אַזאַ אינדוסטריע דאַרף איבערגענומען ווערן פון דער רעגירונג. דאָס זעלבע איז מיט דער מאַינינג אינדוסטריע און פילע אַנדערע. דאָס צו טאָן מיינט גיין אין דער ריכטונג פון ניו דיל, אין רוזוועלט'ס ריכטונג. אַ רעגירונג, וואָס פאַרשטייט דעם פּראָבלעם פון אָט דעם שטאַנדפּונקט וואָלט ביסלאכוויז סאָציאַליזירט די אינדוסטריען און אויף אַזאַ אופן געלעזט דעם פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזיקייט.

אָדער נעמט די פאַרם פּראָבלעם. דער פאַרמער קריגט ניט גענוג פאַר זיינע פּראָדוקטן. אַלערליי מיטלען זיינען אָנגעווענדט

געוואָרן אים צו העלפן, אָבער די פּראָבלעם איז ניט געלעזט. עס פאָדערט זיך די רעאָרגאַניזירונג פון דער גאַנצער אינדוסטריע. דער פינאַנציעלער צושטאַנד פון דער פאָרם אינדוסטריע איז אַ קלעגלאַכער און עס דאַרפן געמאַכט ווערן ראַדיקאַלע ענדערונגען און בלויז די רעגירונג קען עס טאָן. אָבער בלויז אַ רעגירונג וואָס ווערט געפירט פון סאָציאַליסטיש־געזאָנענע עלעמענטן וועט די פּראָבלעמען אונטערנעמען, וועט די פּראָבלעמען לעזן אויף אַ געזונטן פּראָגרעסיוון אופן.

אונזער לאַנד נויטיגט זיך איצט מער ווי פריער אין אַ סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג וואָס זאָל שטויסן די רעגירונג און די ראַדיקאַלע פאַרטייען אין אָט דער ריכטונג.

אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד זיינען דאָ אַזעלכע באַוועגונגען: די לייבאָר פאַרטיי אין ענגלאַנד און די סאָציאַליסטישע פאַרטיי אין פראַנקרייך. די דאָזיקע פאַרטייען זיינען דאָרטן דער אוואַנגאַרד פון איבערבויען די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון לאַנד. דאָ האָבן מיר ניט קיין גרויסע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ וואָס זאָל עס פאַרשטיין. אָבער די סאָציאַליסטן, וואָס זיינען יאָ דאָ, די באַוועגונג וואָס איז יאָ דאָ דאַרף באַגרייפן די גרויסע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר איר אין דעם איצטיקן מאָמענט.

איך גלויב, אַז אין די נעקסטע יאָרן וועט אונזער פאַרטיי צוציען אַ גרויסע אינטעליגענץ. אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר אַ סך פון דער אינטעליגענץ פאַרלאָרן צו די קאָמוניסטן. ס'איז גוט וואָס גראַד איצט, ווען מיר דאַרפן זיי האָבן, האָט זיך די אינטעַ־ליגענץ ענטוישט אין די קאָמוניסטן און זי הויבט אָן צו קומען צו אונז. דאָס איז אַ גרויסע געווינס פאַר אונזער באַוועגונג. דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז גראַד איצט האָט זיך סטאַלינ'ען פאַר־וואָלט שליסן אַן אָפּמאַך מיט היטלער'ן. דאָס האָט אויפגעעפנט די אויגן פון די אינטעליגענטן, וואָס זיינען פאַרפירט געוואָרן פון די קאָמוניסטן. דער שיקזאַל האָט אויך געוואָלט, אַז גראַד איצט זאָל די קאָמוניסטישע פאַרטיי, וואָס האָט צעטומלט די קעפּ פון די מאַסן, אַרויסגיין אין קאַמף געגן דעם ניו דיל און געגן רוז־וועלט'ן. איינע פון די זאַכן, וואָס האָבן שטאַרק געשעדיגט רוז־וועלט'ס רעפּוטאַציע ביי די מאַסן פון לאַנד איז געווען דאָס וואָס די קאָמוניסטן האָבן אים געשטיצט. אַ סך מענטשן, וועלכע וואָלטן געשטיצט דעם ניו דיל, האָבן זיך דערשראָקן ווען זיי האָבן דער־

זען, אַז די קאָמוניסטן זיינען פאַר דעם ניו דיל באַגייסטערט. איצט אַטאַקירן די קאָמוניסטן רוזוועלט׳ן.

דאָס וואָס די קאָמוניסטן האָבן זיך אָפּגעקערט פון ניו דיל און הויבן אָן קעמפן געגן אים און דאָס וואָס סטאַלין האָט זיך פאַראייניגט מיט היטלער׳ן האָט פון די קאָמוניסטן אָפּגעשטויסן די בעסערע אינטעליגענץ, די מער פאַרשטענדלאַכע, די מער אויפריכטיקע. דאָס איז פאַר אונזער באַוועגונג אַ גרויסער געווינס.

אין די נעקסטע יאָרן וועלן מיר צוקריגן אַ גרויסע צאָל מיטגלידער אויב מיר וועלן טאָן די אַרבעט ווי עס באַדאַרף צו זיין, אויב די פּאַרטיי וועט פאַרשטיין ווי אויסצונוצן די געלעגנהייט.

געווען אַ צייט אין די ערשטע יאָרן ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געווען אינגאַנצן פרעמד צו אַמעריקע. דאָס איז געווען מיט אַ דרייסיק, פערציק יאָר צוריק. אין פאַרלויף פון די דאָזיקע יאָרן איז פאַרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. אַנשטאָט דעם, וואָס מיר זאָלן זיין פרעמד, ווערן מיר פאַקטיש די פירער פון אַ נייער אַמעריקע. מיר צייכענען אָן דעם וועג אויף וועלכן די נייע אַמעריקע דאַרף גיין.

די נייע אַמעריקע וועט זיין אַן אַמעריקע וואָס סאָציאַליסטן וועלן בויען.

ל. הענדין

צוואַנציק יאָר קאָמוניסטישער טעטיקייט אין די טרייד-יוניאָנס.

צוואנציג יאָר געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אויף דעם טרעיד־יוניאָן געביט דאָ אין אַמעריקע קען מען ניט אָפּ׳פּטר׳ן מיט איין רעפעראַט. עס איז אַ שאָד, וואָס ביז אַהער איז נאָך ניט געמאַכט געוואָרן קיין געהעריגע געשיכטלאכע אָפּ־האַנדלונג וועגן קאָמוניסטישער טעטיקייט, בעסער געזאָגט, וועגן זייער צעשטערנדער און פאַרניכטנדער אַרבעט אין די יוניאָנס. איך וועל זיך, דעריבער, מוזן באַגרעניצן מיט אַלגעמיינע שטריכן.

בשעת מען רעדט וועגן דער ראָלע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע און דער טעטיקייט פון די קאָמוניסטן אין די טרעיד־יוניאָנס פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, מוז מען האַלטן אין זינען די צייט אין וועלכער מיר לעבן און דעם וועלט־שטאַנד אין וועלכן מיר געפינען זיך איצט.

איר באַגרייפט זיכער, אַז מיר לעבן איצט אין איינער פון די דראַמאַטישסטע, אויב ניט אין די ענטשיידנסטע, פעריאָדע פון דער וועלט־געשיכטע זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. פאַר די אַמעריקאַנער איז דאָס אַ ביסל שווער צו באַגרייפן אין דעם איצטיקן מאָמענט. מיר זיינען צו ווייט פון דער אייראָפּעאישער קאַטאַסטראָפע. ס׳איז אָבער איצט ניטאָ איין מענטש אין אייראָפּא, וואָס פאַרשטייט ניט, אַז פון דעם מלחמה־געראַנגל וועט מען זיך ניט קענען צוריקקערן צום אַלטן סדר־היום, פּונקט ווי מען האָט זיך ניט געקענט צוריקקערן נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע צום פעאָדאַליזם. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז פון דעם איצטיקן איבערברוך וועט זיך אָנפאַנגען אַ נייע עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע. וואָס וועט זיין די נייע עפּאָכע? פאַר דעם מאָמענט קען דאָס נאָך דערווייל קיינער ניט פאָראויסזאָגן. די וועלט שטייט אויף אַ וואָגשאָל. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די פינסטערע כחות זאָלן זיגן. פאַרשטייט זיך, עס איז זייער שווער אפילו צוצולאָזן אַזאַ געדאַנק צום זינען. ווען דאָס זאָל אָבער געשען, אויב

די ציוויליזאַציע פון אייראָפּאַ זאָל פאַרניכטעט ווערן, איז קלאָר, אַז אַמעריקע וועט אויך אריינגעצויגן ווערן אין דעם קארוסעל פון רעאַקציע. אָט דעם געדאַנק מוזן ספּעציעל באַנעמען אונזערע זאָגענאָנטע איזאָלאַציאָניסטן. אַמעריקע איז ניט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט; זי געפינט זיך ניט אויף אַ באַזונדער פּלאַנעטע. מיר זיינען מיט טויזנטער פעדים געבונדן און געקניפּט מיט אייראָפּאַ.

פון דער אַנדער זייט, אויב די פינסטערע כחות פון דער וועלט וועלן באַזיגט ווערן, איז קלאָר, אַז דער קאָמוניזם טאַנצט איצט דעם לעצטן טאַנץ. דער לעצטער קאַפּיטל פון קאָמוניזם וועט העכסטוואַרשיינליך פאַרצייכנט ווערן אַלס דער קאַפּיטל פון קאָנוואולסיעס פאַר דער גסיסה.

פאַר אַן עמפינדלאַכן מענטשן איז זייער שווער צו בעאָבאַכטן די ווילדע אויסברוכן פון קאָנוואולסיעס ווען זיי געשעען אפילו ביי אַן איינצעלנעם מענטשן. ווען קאָנוואולסיעס באַפאַלן, אָבער, אַ געזעלשאַפטלאַכע גרופּע, ספּעציעל אַזאַ ווילדע גרופּע ווי די קאָמוניסטישע, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי שרעקלאַך עס וועט אויסקוקן זייער לעצטער שדים־טאַנץ. די צרה איז, וואָס מען קען ניט פאָראויסזאָגן ווי לאַנג די קאָנוואולסיווע פעריאָדע פון קאָמוניזם וועט געדויערן.

מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, ווען יודעניטש איז געשטאַנען ביי די טויערן פון פעטראָגראַד, האָט טראָצקי געזאָגט: „אויב מיר וועלן האַלטן ביים פאַרלירן, וועלן מיר געבן אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ אין דער טיר, אַז גאַנץ אייראָפּאַ וועט זיך אויפטרייסלען.” אייניקע קענען דענקען, אַז דאָס איז געוועזן ניט מער ווי אַ דראַ־מאַטישער אויסרוף. אויב אפילו אין יענעם מאָמענט איז דאָס געוועזן ניט מער ווי אַ זשעסט, איז אָבער איצט קלאָר ווי דער טאָג, ווען דער רויטער און ברוינער פאַשיזם זיינען פאַראייניקט, וועלן זיי ביים מאָמענט ווען זיי וועלן האַלטן אין פאַרלירן אַזוי קלאַפּן אין די טירן פון דער מענטשלאַכער ציוויליזאַציע, אַז די צעטריים־לונג וועט מיט זיך ברענגען איינע פון די גרעסטע געפאַרן וואָס די מענטשהייט האָט ווען עס איז דורכגעמאַכט.

אין אָט דער קריטישער פעריאָדע פון וועלט־געשיכטע געפינט זיך יעדער איינער פון אונז צופעליג אויף אַ געוויסן פּאָסט. קיינער פון אונז האָט דעם דאָזיקן פּאָסט ניט אויסגעקליבן. צו אונזער

גליק, שטייט נישט אמעריקע אין די פאָדערשטע טרענטשעס, אָבער יעדער איינציגער פון אונז דאַרף פולשטענדיק באַגרייפן די היסטאָרישע באַדייטונג פון איצטיקן מאָמענט, ווי אויך די היס־טאָרישע אויפגאַבן.

אונזער מיסיע איז צו שטיין אויף דער וואך און זען ווי ווייט די קאָנוואולסיעס פון קאָמוניזם וועלן זיך אָפּרופן אין די ספערן און פעריפעריעס וואו מיר רעאַגירן. מיר דאַרפן היטן אונזערע פעסטונגען און זען, אַז די צעטרייסלונג, וואָס וועט קומען נאָך די קאָנוואולסיעס, זאָל אַמווייניקסטן שאַדן טאָן אָט דעם פּאָסטן וועלכע מיר פאַרטיידיקן.

דער קאָמוניזם האָט טאַקע אידעאיש באַנקראָטירט. אָבער די וואָס דענקען, אַז די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט שוין צוזאַמענ־געבראָכן, זיינען צו־אָפּטימיסטיש אין זייער חשבון. מען דאַרף האַלטן אין זינען, אַז דער וועלט־קאָמוניזם ווערט געשטיצט פון אַ מלוכה, וואָס פאַרמאָגט 180 מיליאָן מענטשן, וועלכן זיינען פאַר־שקלאַפט און מוזן אויספאָלגן דעם ווילן פון אַן אַבסאָלוטן דיקטאַ־טאָר און טיראַן.

*   *
*

ווי אַזוי זאָלן טרעיד־יוניאָניסטן רעאַגירן אין דער קאָנוואול־סיווער פעריאָדע פון קאָמוניזם?

עס איז אַבסאָלוט נויטיק צו האָבן מער אָדער ווייניקער אַ געשיכטלאַכן באַגריף וועגן קאָמוניסטישער טעטיקייט אין אַלגעמיין און ספּעציעל וועגן זייער טעטיקייט אין דער טרעיד־יוניאָן באַ־וועגונג, איידער מען קען ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע. טראָץ דעם, וואָס די מערסטע פון אייך האָבן זיך אַקטיוו באַטייליגט אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, בין איך פונדעסטוועגן איבער־צייגט, אַז יעדער פון אייך האָט בלויז געהאַט די מעגלאַכקייט צו אַרבעטן אין אַ באַגרעניצטער סביבה. דעריבער וועט איר אויף מיר קיין פאַריבל ניט האָבן, וואָס איך האָב מורא, אַז טאָמער האָבן אייניקע פון אייך אַ באַגרעניצטן פּערספּעקטיוו בלויז פון דער סביבה אין וועלכער איר האָט געאַרבעט און רעאַגירט. כדי, אָבער, צו ענטפערן אויף דער פראַגע ווי אַזוי טרעיד־יוניאָניסטן דאַרפן איצט רעאַגירן אין דער פעריאָדע פון קאָמוניסטישע קאָנוואולסיעס, דאַרף מען האַלטן אין זינען ניט בלויז דעם ווינקל אין וועלכן

מען געפינט זיך, נאָר מען דאַרף באַנעמען די קאָמוניסטישע טעטיקייט אין אַלע אירע ספערן און אין אַלע אירע פאַזן. מען דאַרף אויך באַנעמען די קאָמוניסטישע באַוועגונג ניט אין איר סטאַטישן צושטאַנד, ווי זי געפינט זיך אין אַ באַטרעפנדן מאָמענט, נאָר מען מוז איר באַטראַכטן אין איר דינאַמישן צושטאַנד — אין דעם פּראָצעס פון אירע שטענדיקע ענדערונגען. נאָך אַ זאַך וואָס מען מוז האַלטן אין זינען איז, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ניט אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן, אין קיין לאַנד ניט, אַלס רעזולטאַט פון אינערלאַכע באַדינגונגען, נויטן און באַדערפעניש, אָט אַזוי ווי עס ווערן געוויינלאַך אַרויסגערופן צום לעבן אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אַלע לענדער זיינען אַגענטורן פון אַ מדינה, וואָס הייסט סאָוועטן־רוסלאַנד. מאָסקווע איז די מעקא פון די קאָמוניסטן. די אויגן פון אַלע קאָמוניסטן פון דער וועלט זיינען געווענדעט צו מאָסקווע. דאָרטן אין מאָסקווע ווערט ניט נאָר באַשטימט די פּראָגראַם און פּאָליסי פאַר יעדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי באַזונדער, נאָר יעדער פּאַרטיי קריגט פון צייט צו צייט דירעקטיוון ווי אַזוי צו האַנדלען.

צוערשט מוז מען פעסטשטעלן, אַז זינט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך געגרינדעט, איז די הויפּט אויפגאַבע, וואָס דער קאָמוניזם האָט זיך געשטעלט, געווען — וואָס טיפער אַריינצודרינגען אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך ווארום: אויף מאַכן רעוואָלוציעס, צו וועמען אַנדערש האָט געקענט דער קאָמוניזם אַזוי אַפּעלירן, ווי צו די אַרבעטער? אויב איר וועט זיך קענען דערמאָנען, איז איינער פון די ערשטע אַרויסטריטן פון לעניג'ן אויף דער וועלט־אַרענע געווען — אַן אָפענער בריוו צו די אַמעריקאַנער אַרבעטער. דורך דער אַריינדרינגונג אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג האָט דער קאָמוניזם געהאָפט אויסצואיבן און אויסצושפּרייטן זיין איינפלוס אויף די אַרבעטער, און דורך דעם קריגן מער פּאָליטישע מאַכט, און אַזוי אַרום ווערן אַ כח און איבערנעמען די הערשאַפט פון אַ באַטרעפענדער לאַנד.

אין אָנפאַנג האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל ניט געהאַט קיין באַשטימטע טרעיד־יוניאָן פּאָליסי. לענין אַליין איז ניט געווען קיין גרויסער מומחה איבער טרעיד־יוניאָן פראַגן. אין רוסלאַנד איז פאַר דער רעוואָלוציע כמעט ניט געווען אַזאַ זאַך, ווי אַ

לעגאַל־פּונקציאָנירנדע טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. לענין האָט ניט געהאַט קיין ערפאַרונג אין באַצוג צו טרעיד־יוניאָן פּראָבלעמען. ער האָט זיך הויפּטזעכלאך אינטערעסירט מיט אַלגעמיין פּאָליטישע פּראָבלעמען.

אין אינטימע קרייזן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז געווען באַקאַנט, אַז לענין האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון דעם פאַרשטאָרבענעם פירער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּאַרטיי — דעניעל דע־לעאָן. ס׳איז גאַנץ מעגלאך, אַז לענינ׳ען זיינען געווען באַקאַנט דע־לעאָנ׳ס פּאָליסים אין באַצוג צו טרעיד־יוניאָנס. דע־לעאָן האָט, ווי באַקאַנט, געהאַלטן, אַז טרעיד־יוניאָנס דאַרפן זיין „סובסידיערים”, אָנגעוויזענע טיילן פון דער סאָציאַליסטישע באַוועגונג. דע־לעאָן האָט געהאַלטן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף קאָנטראָלירן די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. פאַר אָט דעם צוועק האָט זיך דע־לעאָן פאַרנומען צו שפּאַלטאַן די טרעידיוניאָן באַוועגונג, גרינדן טרעיד־יוניאָן קלייזלעך וועלכע זאָלן זיך אונטערוואַרפן דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פון וועלכער ער איז געוואָרן דער הויפּט פירער, אויב ניט דער הויפּט דיקטאַטאָר. עס איז פאַראַן זייער פיל ענלאכעס אין די כאַראַקטער־שטריכן צווישן לענינ׳ען און דע־לעאָנ׳ען.

צוליב דע־לעאָנ׳ס פּאָליסי פון שפּאַלטן די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, איז פאָרגעקומען מיט אַ פערציק יאָר צוריק אַ שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די הויפּט פירער פון דעם רעוואָלט געגן דע־לעאָנ׳ען זיינען געווען די גענאָסן אב. קאַהאַן, מאָרים הילקוויט און נאָך אַ צאָל פּראָמינענטע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן דע־לעאָנ׳ס דיקטאַטאָרישע מעטאָדן און זיינע צעשטערנדע פּאָליסים, ספּעציעל אין באַצוג צו די טרעיד־יוניאָנס. אָט צוליב דעם דאָזיקן רעוואָלט איז טאַקע געקומען צום לעבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט פאַר פילע יאָרן געהאַט אַ גאַנץ באַדייטנדן ערפאָלג אין אַמעריקע.

אין גרונד גענומען, איז די פּאָליסי פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין באַצוג צו טרעיד־יוניאָנס, לויט מיין מיינונג, געווען אַ ריכטיגע, אַ קאָנסטרוקטיווע. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט שטענדיק אָנגעוויזן און אונטערשטראָכן, אַז סאָציאַליסטן דאַרפן ניט שטרעבן צו באַהערשן די טרעיד־יוניאָנס, נאָר זיי דאַרפן אריינטרעטן אינווייניק און, דורך געטריישאַפט און

איבערגעבנהייט צו די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון די טרעיד־יוניאָנס ווי אויך צו דעם טאָג־טעגלאכן קאמף פון די אַרבעטער, גלייכצייטיק אויך פּרובירן צו באַאיינפלוסן און איבערגעווינען די טרעיד־יוניאָנס פאַר די אידעען פון סאָציאַליזם.

טראָץ דעם, וואָס אין אַלגעמיין גענומען איז די פּאָליסי פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין באַצוג צו די טרעיד־יוניאָנס געווען אַ ריכטיגע, מוז מען פונדעסטוועגן צוגעבן, אַז דאָ און דאָרט האָבן געוויסע סאָציאַליסטן אָנגעווענדעט אַזעלכע מעטאָדן אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, וועלכע האָבן ניט געקענט ברענגען קיין געווינטשטע רעזולטאַטן. מעגלאך, אַז אונטער דעם איינפלוס פון געוויסע לינק־געשטימטע סאָציאַליסטן האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז ווערענד די דע־לעאָניסטן זוכן צו „בויערן" די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג פון דרויסן, זוכן די סאָציאַליסטן צו „בויערן" אין דער טרעיד־יוניאָן פון אינווייניק. אין דער אמת'ן, האָט דאָס אפשר טאַקע געמיינט ניט מער ווי אַרבעטן פון אינעווייניק; אָבער דאָס וואָרט „בויערן" איז אַן אומגליקלאך וואָרט. איך האָב מורא, אַז צוליב דעם איינדרוק, וואָס האָט זיך געשאַפן פון אינווייניק, איז טאַקע געשאַפן געוואָרן אַ מחיצה צווישן די סאָציאַליסטן און דער אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג.

איידער מיר טרעטן צו צו באַטראַכטן די שעדלעכע ראָלע פון די קאָמוניסטן אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, איז נויטיק, אַז מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זאָלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסט־שטעלן, אַז סיי „בויערן" פון דרויסן און סיי „בויערן" פון אינ־ווייניק אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג איז אַ שעדלאכע פּאָליסי.

אויב מען וויל אַ זאַך ריכטיק באַנעמען, דאַרף מען צופּאַסן דעם שוך אויף אַן אייגענער פוס. וואָלט עמיצער פון אונז געוואָלט, אַז אין אונזערע אָרגאַניזאַציעס, אין „פּאָרווערטס" אסאָסיאיישאָן, אין אַרבעטער רינג, אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע זאָל אריינטרעטן אַ גרופּע, וואָס זאָל „בויערן" פון אינווייניק?

איך גלויב, אַז איינציקע געניאָסן וועלן מיך שפּעטער פרעגן: טאָ וואָס דאַרף זיין די פּאָליסי פון סאָציאַליסטן אין באַצוג צו דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג? דערביי וויל איך ארויסזאָגן אַן אפּיקורס'ישן געדאַנק. איך גלויב ניט, אַז סאָציאַל־דעמאָקראַטן דאַרפן אָננעמען אירגענד וועלכע פּאָליסי אין באַצוג צו טרעיד־יוניאָנס. אַ סאָציאַליסט קען אויף זיך נעמען ספּעציעלע אויפגאַבן

אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג; אָבער פאַר דעם זיינען ניט נויטיק קיין ספּעציעלע פּאַליסים. דער בעסטער אופן, ווי אַזוי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט קען זיין ווירקזאַם אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג איז, דורך ציינן אַ ביישפּיל פון ערליכקייט, געטריי־שאַפט, איבערגעבנהייט צו דעם טאָג־טעגלאכן קאַמף פון די אַרבעטער. ווען דער סאָציאַליסט וועט דאָס טאָן, וועט דאָס זיין די ווירקזאַמסטע אַגיטאַציע פאַר די אידעען פון סאָציאַליזם. די בריטישע לייבאָר פּאַרטיי האָט ניט קיין באַזונדער פּאָליסי אין באַצוג צו די טרעיד־יוניאָנס. אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, וואו סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג איז זייער שטאַרק, איז אויך ניטאָ קיין באַזונדערע פּאָליסי אין באַצוג צו די יוניאָנס.

איך האָב פריער באַמערקט, אַז אין אָנפאַנג האָט דער קאָמו־ניסטישער אינטערנאַציאָנאַל ניט געהאַט קיין באַשטימטע טרעיד־יוניאָן פּאָליסי. די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן האָבן, אָבער, גלייך דערשפּירט, אַז לענין האַלט זייער פון דעם פאַרשטאָרבענעם פירער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, דעניעל דע־לעאָן. פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמוניסטישע פירער האָבן גלייך גענומען שטודירן און באַקענען זיך מיט דע־לעאָנ׳ס פּאָליסים און מעטאָדן אין באַצוג צו די טרעיד־יוניאָנס. אָבער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דאַן באַשטאַנען פון אַן ערב־רב. אַ צאָל „אי. דאָבליו־דאָבליו״ מיטגלידער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עס זיינען געווען אַלטע סאָציאַליסטן אין דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, וואָס האָבן דורך ביטערער ערפאַרונג געלערנט, אַז דע־לעאָנ׳ס פּאָליסים אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ דורכפאַל. צוערשט טאַקע איז, דעריבער, געווען שווער פאַר דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָנצונעמען אַ באַשטימטע טרעיד־יוניאָן פּאָליסי. ביי די ערשטע קאָנווענשאָנס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיינען פאָרגעקומען ביטערע צו־זאַמענשטויסן צווישן פאַרשיידענע ריכטונגען. איין ריכטונג האָט געהאַלטן, אַז די קאָמוניסטן דאַרפן שפּאַלטן די טרעיד־יוניאָן באַ־וועגונג און גרינדן אינדוסטריעלע יוניאָנס. פאַר אָט־דעם צוועק האָבן זיי געוואָלט מאַכן די „אי. דאָבליו־דאָבליו״ אַלס דעם נוקלעאוס פון וואַנען מען זאָל קענען אַנטוויקלען און אויסשפּרייטן די אינדוסטריעלע יוניאָנס. פאַר אַ געוויסער צייט האָבן טאַקע די קאָמוניסטן זייער שטאַרק פלירטירט מיט דער „אי. דאָבליו־

דאָבליו״. ס׳איז אָבער געווען אַן אַנדער ריכטונג, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער איינציקער וועג ווי אַזוי די קאָמוניסטן קענען זיין ווירקזאַם אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג איז — דורך „בויערן״ פון אינווייניק.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די קאָמוניסטן האָבן פון 1919 ביז 1926 פּראַקטיצירט אַ מין פּשרה־פּאָליסי: „בויערן״ פון אינווייניק אָבער אויף אַ דע־לעאָניסטישן שטייגער.

דערביי דאַרף מען זעען, אַז מען זאָל ניט צוזאַמענמישן דעם „בויערן״ פון אינווייניק, וואָס געוויסע סאָציאַליסטן האָבן פּראַק־טיצירט, און דעם „בויערן״ פון אינווייניק וואָס די קאָמוניסטן האָבן אָנגעווענדעט. די סאָציאַליסטן זיינען אין די מערסטע פאַלן געווען אַ קאָנסטרוקטיווער כוח. די סאָציאַליסטן האָבן געגרינדעט און אויפגעבויט די אידישע טרעיד־יוניאָנס און די גאַנצע אידישע אַרבעטער באַוועגונג. דאָס וואָרט „בויערן״ ביי די סאָציאַליסטן איז געווען אַ ניט־געלונגענער וואָרט; ס׳האָט געמיינט, הויפּט־זעכליך, אריינדרינגען אין דער אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָן באַ־וועגונג און באַווירקן איר צום סאָציאַליזם.

ביי די קאָמוניסטן האָט דאָס וואָרט „בויערן״ אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג. איך האָב פריער באַנוצט דעם אויס־דרוק, אַז די קאָמוניסטן האָבן געבויערט פון אינווייניק אויף אַ דע־לעאָניסטישן שטייגער. וואָס האָב איך געמיינט מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק? דע־לעאָן האָט דאָך גאָר ניט געגלויבט אין „בויערן״ פון אינווייניק; ער האָט געגלויבט אין „בויערן״ פון דרויסן. די קאָמוניסטן האָבן געוואָלט באַווייזן צו איבער־דע־לעאָנע־ווען דע־לעאָנ׳ען. זיי האָבן באַוויזן, אַז דורך „בויערן״ פון אינ־ווייניק קענען זיי דערגרייכן די זעלבע רעזולטאַטן ווי דע־לעאָן האָט דערגרייכט דורך „בויערן״ פון דרויסן. „בויערן״ פון אינ־ווייניק איז ביי די קאָמוניסטן געוואָרן אַ פּאָליסי פון אָנצוזעצן זיך אויף אַ טרעיד־יוניאָן און מאַטערן איר, פּלאָגן איר און אויב מען קען איר ניט באַהערשן דאַן מוז מען איר פאַרניכטן.

פונדעסטוועגן, איז נויטיק אָנצואווייזן אויף דעם אונטערשייד צווישן דע־לעאָנ׳ס פּאָליסי אין באַצוג צו טרעיד־יוניאָנס און דער קאָמוניסטישער פּאָליסי. ביי דע־לעאָנ׳ען האָט זיך געהאַנדלט אין פאַרוואַנדלען די טרעיד־יוניאָן אין אַן אינסטרומענט, וואָס זאָל אויספּאָלגן די באַשלוסן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַר־

טיי. אָבער די סאָציאַליסטישע ארבעטער־פּארטיי איז כאָטש געווען אן אמעריקאַנער פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. די קאָמוניסטן האָבן אויך געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען די טרעיד־יוניאָנס אין אַ ווערק־צייג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָבער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע, פּונקט ווי אַלע אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט, זיינען דאָך ניט קיין זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס; די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט ווערן דאָמינירט פון איין צענטער — מאָסקווע. און דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע פלעגט אימער אויסארבעטן פּאָלי־סים וואָס זיינען אין אנקלאַנג מיט דער אויסלענדישער פּאָליסי פון סאָוועטן־רוסלאַנד. אַזוי אַרום איז די קאָמוניסטישע טעטיקייט אין די טרעיד־יוניאָנס געווען ניט מער ווי אַן עק פון דער אויס־לענדישער פּאָליסי אין סאָוועטן־רוסלאַנד. און אַזוי אָפט ווי עס פלעגט זיך בייטן די אויסלענדישע פּאָליסי פון סאָוועטן־רוסלאַנד, אַזוי אָפט פלעגן זיך בייטן די אַלגעמיינע קאָמוניסטישע פּאָליסים און פּונקט אַזוי אָפט פלעגן די קאָמוניסטן ענדערן זייער פּאָליסי אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג.

ס׳איז דעריבער געווען זינלאָז צו ערוואַרטן פון די קאָמוניסטן, אַז זיי זאָלן זיך אינטערעסירן אין דעם טאָג־טעגלאַכן קאַמף פון די ארבעטער. וואָס פאַרא באַדייטונג האָט פאַר זיי געקענט האָבן די טאָג־טעגלאַכע אינטערעסן פון דרעסמאַכער, קלאָוקמאַכער, שניי־דער, ווען זיי זיינען גאָר באַשעפטיגט מיט די פּראָבלעמען פון סאָציאַלער רעוואָלוציע? עס זיינען געווען נאַאיווע מענטשן, וואָס פלעגן שטענדיק אָנווייזן, אַז ס׳זיינען דאָ קאָמוניסטישע יונגע באָיעס און מיידלעך, וואָס זיינען זיך פשוט מוסר־נפש אויף די פּיקעט־לאַינס. די זעלבע קאָמוניסטישע יונגע באָיעס און מיידלעך האָבן זיך אויך „מוסר־נפש" געווען ווען זיי האָבן געסקעבט, געבראָכן יוניאָנס און געשפּאָלטן די קעפּ פון ערלאַכע סטרייקערס. קאָגליניסטן שטייען אויך אויף פּיקעט־לאַינס. די פראַגע איז, צוליב וואָס־פאַרא צוועקן מען גייט אויף די פּיקעט־לאַינס.

פאַר אייך איז מיר ניט נויטיק צו דערציילן, אַז יעדע יוניאָן, וואו נאָר די קאָמוניסטן האָבן אריינגעשטעקט אַ פּוס, האָבן זיי איר חרוב געמאַכט. די קאָמוניסטן האָבן זיך ווייניק־וואָס גע־קימערט וועגן די נויטן און אינטערעסן פון דער יוניאָן. פונדעסט־וועגן גלויב איך, אַז ס׳וועט ניט שאַדן צו דערפרישן אייער זכרון

מיט אַ פּאָר בולט'ע ביישפּילן ווי אַזוי די קאָמוניסטן האָבן פּאַסן געריסן פון די גאָר גרויסע נאָדל טרעיד־יוניאָנס נאָכדעם ווי מען האָט זיי געגעבן אַ געלעגנהייט אַנצעוואַרימען זיך אין די יוניאָנס.

איין בולט'ער ביישפּיל, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז די אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן.

אין אָנפאַנג פון 1921 האָט זיך צווישן די קאָמוניסטן און דער פירערשאַפט פון דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן צעשפּילט אַן אמת'ער ראָמאַנס. סידני הילמאַן, דער פּרעזידענט פון דער אַמאַל־גאַמייטעד, האָט געהאַט אָפּגעשטאַדט אַ באַזוך אין מאָסקווע. אין מאָסקווע איז אָנגענומען געוואָרן הילמאַנ'ס פּלאַן צו אָרגאַניזירן די „רוסיש־אַמעריקאַנער אינדוסטריעלע קאָרפּאָריישאָן" מיט דעם צוועק אויפצובויען די קליידער אינדוסטריע אין רוסלאַנד.

נאָכדעם ווי הילמאַן האָט זיך צוריקגעקערט פון מאָסקווע, האָבן די קאָמוניסטן פּאָר אַ מאָמענט איינגאַנצן אויפגעגעבן זייער טעטיקייט פון „בויערן" פון אינווייניק אין דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן. אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע האָט מען אָנגעהויבן שרייבן, אַז סידני הילמאַן איז איינער פון די פאָרגעשריטענסטע אַרבעטער־פירער אין אַמעריקע. אָבער די אמת'ע פריינדשאַפט און ליבע איז געקומען צום אויסדרוק ביי דער אַמאַלגאַמייטעד קאָנווענשאָן אין 1922, אין שיקאַגאָ. דאָרט האָט דער דאַמאָלסט־דיקער רעדאַקטאָר פון דער „פרייהייט", מ. אָלגין, באַגריסט די קאָנווענשאָן און געקראָגן אַ שטורעמדיקע אָוואַציע. די אַמאַלגאַ־מייטעד קאָנווענשאָן האָט בייגעשטייערט אַ פּאָר טויזנט דאָלער פאַר דער „פרייהייט" און די קאָמוניסטן, פאַרשטייט זיך, האָבן פאַר דעם באַצאָלט אַ פּרייז: די קאָמוניסטישע פירערשאַפט האָט גע'פּועל'ט ביי די קאָמוניסטישע דעלעגאַטן ביי דער קאָנווענשאָן, אַז מען זאָל ניט קריטיקירן ניט די פירערשאַפט און ניט די פּאָליסים פון דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן.

אָבער קאָמוניסטן גלויבן ניט אין אייביקער ליבע. דער ראָ־מאַנס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ווי עס שיינט, האָט די אַמאַל־גאַמייטעד ניט געקענט נאָכפּאָלגן די צו־אָפטע ענדערונגען פון מאָסקווע'ס אויסלענדישע פּאָליסי, און אַזוי ווי פאַר די קאָמו־ניסטן איז שוין געווען אָפן די טיר אין דער אַמאַלגאַמייטעד, האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן נאָך מיט מער אימפּעט צו „בויערן" פון אינווייניק. דער רעזולטאַט איז געווען זייער אַ טרויעריקער

פאר דער אמאלגאמייטעד יוניאן: פאר דעם דאזיקן לינקן ראמאנס האט די אמאלגאמייטעד יוניאן זייער טייער באצאלט. ספּעציעל האט טייער באצאלט די אמאלגאמייטעד ארגאניזאציע אין ניו יארק. די קאמוניסטן האבן אזוי לאנג געבויערט, ביז זיי האבן פּאקטיש אויפגעריסן די ניו יארקער ארגאניזאציע.

איך גלויב, אז איצט קען מען שוין אויסזאגן דעם סוד, אז הילמאן איז דעמאלט געצוואונגען געווען ארייינצורופן וויליאם ז. פאסטער און פארלייגן אים, אז די קאמוניסטן זאלן איבערנעמען די פירערשאפט פון דער ניו יארקער ארגאניזאציע. דעם געשפּרעך צווישן הילמאנ'ען און פאסטער'ן האב איך ניט בייגעוואוינט, אבער וועגן דעם האט מען גאנץ ברייט און אפן דיסקוטירט אין די קאמוניסטישע קרייזן און אויך אין די אלגעמיינע קרייזן פון דער ארבעטער באוועגונג. פאסטער האט זיך אבער ניט באנוגנט מיט א פינגער און אויך ניט מיט א האנט; ער האט געוואלט איינ־שלינגען די קאפ אויך . . . ער האט געפאדערט ניט מער און ניט ווייניקער, ווי דעם קאנטראל איבער דער גאנצער אמאלגאמייטעד יוניאן. אט דער חוצפה'דיקער פארלאנג האט ענדלאך אויסגע־טשוכעט די אמאלגאמייטעד פירערשאפט פון דער לינקער ליבע. די רעזולטאטן זיינען אלעמען באקאנט. איר ווייסט וואס פארא מיטלען די אמאלגאמייטעד איז געצוואונגען געווען אנצואווענדן כדי צו באפרייען זיך פון דעם דעזארגאניזירנדן איינפלוס איבער דער ניו יארקער אמאלגאמייטעד ארגאניזאציע.

וועגן קאמוניסטישער „בויערן" פון אינווייניק אין דער אינ־טערנעשאנעל יוניאן, וועגן זייער דעמאראליזירנדער און צושטערנ־דער טעטיקייט דארטן, קען מען אויך ניט אפּ'פטר'ן אין א טייל פון א רעפעראט. מען קען שרייבן בענדער געשיכטע וועגן דעם.

די אינטערנעשאנעל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן האט מיט די קאמוניסטן קיין ראמאנס ניט געפירט. פארקערט, עס איז גע־פירט געווארן אן אמת'ע מלחמה. עס זיינען דא פארשיידנערליי סי־בות ווארום די קאמוניסטן איז געלונגען טיפער ארייינצודרינגען אין דער אינטערנעשאנעל, ווי אין אנדערע יוניאנס. אבער קיין יוניאן האט ניט געקעמפט אזוי בראוו און מוטיק געגן די קאמוניסטן, ווי עס האט געקעמפט די אינטערנעשאנעל. הונדערטער, אויב ניט טויזנטער קרבנות זיינען צעבלוטיקט און פארוואונדעט געווארן אלס רעזולטאט פון דעם דאזיקן קאמף. אין פארלויף פון זיבן

יאָר, פון 1919 ביז 1926, איז די קאָמוניסטן געלונגען אָנצוטאָן אַזוי פיל שאָדן דער אינטערנעשאָנעל, אַז די יוניאָן איז פּאַקטיש געלעגן אַ פּאַר׳חלש׳טע, אָן אָפּגערונענע מיט בלוט. דער קלימאַקס פון דעם קאַמף אין דער אינטערנעשאָנעל האָט זיך אָפּגעשפּילט אין 1926, ווען די קאָמוניסטן האָבן אָרגאַניזירט זייער טרויעריק־באַרימטע „עקשאָן־קאָמיטע״. די דאָזיקע פּעריאָדע קען אפילו ניט פּאַרצייכנט ווערן אַלס ברודער־קריג; ס׳איז געווען אַ מלחמה צווישן צוויי פיינטלאַכע לאַגערן. די קאָמוניסטן האָבן דאַן באַטראַכט די אַרבעטער, וועלכע זיינען פּאַרבליבן לאָיאַל צו זייער יוניאָן, אַלס די ערגסטע שונאים פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. די יוניאָן־אָפּיסעס זיינען דאַן געווען באַלאַגערט אַזוי ווי פעסטונגען, און דייוויד דובינסקי, דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל, וועלכער איז דאַן געווען דער מענעדזשער פון קאַטערס לאָקאַל, האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ביי אַ פּאַסענדער געלעגנהייט דערמאָנט די קאָמוניסטן ביי אַ זיצונג פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד, אַז ער האָט אין יענער צייט געמוזט אַרומטראָגן אַ רעוואָלווער אין קעשענע ווייל ער איז ניט געווען זיכער מיט זיין לעבן.

די פּאַריערס יוניאָן איז געווען די איינציקע יוניאָן, וואו די קאָמוניסטן איז געלונגען פּאַקטיש איבערצונעמען די מאַכט. דורך זייער קאָנטראָל אין דער פּאַריערס יוניאָן האָבן די קאָמוניסטן, אָבער, אַנטפּלעקט זיך אין זייער אמת׳ן געשטאַלט. די פּאַריערס יוניאָן האָט געדינט אַלס די בעסטע אילוסטראַציע, וואָס עס מיינט פּאַר אַ יוניאָן אריינצופאַלן אונטער קאָמוניסטישער הערשאַפט. די קאָמוניסטן אין דער פּאַריערס יוניאָן האָבן איינגעפירט אַ טרויעריק־באַרימטן „רום סי״, וואוהין מען האָט טאָג־טעגלאַך געשלעפּט צענדליקער אַרבעטער און וואו מען האָט זיי ברוטאַל גע׳ממית׳ט. אַ פּאַקטישער טעראָר האָט געהערשט אין דעם פּאַריער מאַרקעט. פּאַר צענדליקער קוואַרטאַלן פון דעם פּאַריער מאַרקעט האָט זיך קיין רעכט־געשטימטער פּאַריער ניט געטאָרט באַווייזן. דער פּאָליציי־פּרעסינקט האָט אין יענעם דיסטריקט צוגעמאַכט אַן אויג צו די קאָמוניסטישע גוואַלדטאַטן. די פּאָליסלייט האָבן דאָס מסתמא געטאָן אויס „ליבע״ צו די קאָמוניסטן . . .

די צייט ערלויבט מיר ניט אריינצוגיין אין דער אונטערערדישער און ברעכערישער טעטיקייט פון די קאָמוניסטן אין דער

מילינערי יוניאָן, אין דער פּאַקעט־בוקמאַכער יוניאָן, די פּיינטערס יוניאָן און אַנדערע קלענערע יוניאָנס.

אַמשטאַרקסטן אָבער פאַרדריסט מיך, וואָס איך האָב אפילו ניט די מעגלאַכקייט צו באַרירן די דעמאָראַליזירנדע טעטיקייט פון די קאָמוניסטן אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס. כאָטש אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס זיינען די קאָמוניסטן ניט געווען אַזוי ערפאָלגרייך, האָבן זיי אָבער פונדעסטוועגן דאָרט אויך אָנגעטאָן גענוג שאָדן. הויפּטזעכליך האָבן די קאָמוניסטן קאָנצענטרירט זייער טעטיקייט אין דער מאַינערס יוניאָן און אין דער טעקסטיל יוניאָן און נאָכדעם ווי די סי. אַי. אָ. איז געגרינדעט געוואָרן — אין דער אויטאָמאָביל יוניאָן. וועגן דער אינטריגאַנטישער, פאַר־ברעכערישער און יעזואיטישער טעטיקייט פון די קאָמוניסטן אין די דאָזיקע יוניאָנס, קען מען אויך אָנשרייבן גאַנצע בענדער. פּונקט ווי אין די נאָדל טרעיד־יוניאָנס, אַזוי אויך אין די אַמעריקאַ־נער יוניאָנס האָבן די קאָמוניסטן געבויערט און געבראָכן פון אינווייניק, און, ווען ס'איז ניט געלונגען, געבראָכן פון דרויסן דורך דער אָרגאַניזירונג פון דואַל־יוניאָנס. אויף יעדן פּלאַץ וואו די קאָמוניסטן איז געלונגען אריינצוטרעטן מיט אַ פוס, איז שוין קיין גראָז ניט געוואָקסן. כדי צו שאַפן אַ קינסטלאַכן רעוואָלוציאָנערן סענטימענט אין די יוניאָנס, פלעגן די קאָמוניסטן פּראָוואָצירן צו ניט קיין צייטיקע סטרייקס. אַלע סטרייקס, וועלכע זיינען ארויסגערופן געוואָרן אונטער דער אינספּיראַציע פון די קאָמוניסטן, זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען און האָבן זיך געענדיקט מיט אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער יוניאָן.

אין 1929 האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע עפּאָכע פאַר די קאָמוניסטן. סאָוועטן־רוסלאַנד און דער קאָמוניסטישער אינטער־נאַציאָנאַל זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די וועלט שטייט ערב אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען אין אַמעריקע האָט אויסגעבראָכן דער שאַרפסטער עקאָ־נאָמישער קריזיס אין איהר געשיכטע. עקאָנאָמישע קריזיסן זיינען דאָן אויסגעבראָכן אין אייראָפּא נאָך מיט אַ קורצער צייט פריער. צוליב די שאַרפקייטן פון די קריזיסן איז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס'איז די לעצטע שטופע פון קאַפּיטאַליזם און עס איז די פליכט פון די קאָמוניסטן צו פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

די דאָזיקע פּעריאָדע האָבן די קאָמוניסטן דאַן באַצייכנט אַלס „די דריטע פּעריאָדע". ווארום די „דריטע" און ניט די הונדערט־און־דריטע, איז אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש וואָס קען נאָר דערקלערט ווערן דורך דער קאָמוניסטישער שוואַכקייט צו שפּילן זיך סתם אין טערמינאָלאָגיעס כדי עס זאָל אויסקוקן וויסנשאַפטליך. די קאָמוניסטן האָט זיך פאַרגלוסט צו צעטיילן די יאָרן פון 1919 ביז 1929 אין דריי פּעריאָדן. די ערשטע איז געווען די 1919 פּעריאָדע — די נאָך־מלחמה פּעריאָדע, אויף וועלכער דער באָלשעוויזם האָט געהאָפט, אַז עס וועלן קומען רעוואָלוציעס אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער זיי זיינען ניט געקומען. די צווייטע פּעריאָדע, אָנפאַנגענדיק מיט 1924, האָבן די קאָמוניסטן באַצייכנט אַלס די פּעריאָדע אין וועלכן דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך ערהאָלט. און 1929 האָט דאָס געדאַרפט זיין די דריטע פּעריאָדע פון קאַפּיטאַליסטישער פאַנאַנדערפאַלונג און סאָציאַלער רעוואָלוציע.

פאַר דער וועלט וועט אָבער 1929 דינען אַלס פּעריאָדע פון באַנייטער קאָמוניסטישער משוגעת, וואו צוליב זייערע ווילדע פּאָליסים האָבן זיי געהאָלפן ברענגען דעם היטלעריזם אין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען די טרויעריג־באַרימטע פּעריאָדע, ווען די קאָמוניסטן האָבן פאַרשטאַרקט און פאַרברייטערט די טעאָריע פון „סאָציאַל־פאַשיזם"; דאָס איז געווען די פּעריאָדע ווען די קאָמוניסטן האָבן באַטראַכט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַלס די ערגסטע שונאים פון דעם אַרבעטער קלאַס; דאָס איז געווען די פּעריאָדע ווען די קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד זיינען געווען גרייט צו פאַראייניקן זיך מיט די נאַציס, אַבי צו שעדיקן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די רעפּובליק. די קאָמוניסטן האָבן דאַן אַנטוויקלט די טעאָריע, אַז פאַשיזם איז אַן איבערגאַנגס־פּראָצעס און נאָך פאַשיזם וועט קומען דער קאָמוניזם.

און ווי אימער, גייט ביי די קאָמוניסטן די פּאָליטישע פּאָליסי האַנט־אין־האַנט מיט דער טרעיד־יוניאָן פּאָליסי. 1929 איז געווען די פּעריאָדע ווען מאָסקווע האָט געגעבן אַ באַפעל צו די קאָמוניסטן צו גרינדן דואַל־יוניאָנס. די טרעיד־יוניאָנס האָבן דאַן די קאָמוניסטן באַצייכנט אַלס לאַקייען, אַלס ארויסהעלפער פון דער בורזשאַזיע, און דעריבער איז פאַר די קאָמוניסטן געווען נויטיק צו גרינדן אייגענע יוניאָנס, וואָס זאָלן שטיין אונטער קאָמוניסטישן קאָנטראָל און וועלכע זאָלן זיי העלפן דורכצופירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

ווי אזוי די קאמוניסטישע פאליסי פון דואל־יוניאניזם האט גע־ווירקט אין אמעריקע אין דער טרעיד־יוניאן באוועגונג, ספעציעל אין די ספערן פון די נאדל טרעיד־יוניאנס, איז אייך אלעמען צו־גוט באקאנט. פילע פון אייך האבן זיך געדארפט שלאגן מיט די קאמוניסטן אויף די פיקעט־לאינס בשעת זיי האבן געסקעבט אין נאמען פון דער „סאציאלער רעוואלוציע". גליקליכערווייזע, האבן די קאמוניסטן געהאט וויניקער ערפאלג מיט זייער פאליסי פון דואל־יוניאניזם, ווי מיט זייער פאליסי פון בויערן און ברעכן פון אינווייניק. דואל־יוניאניזם האט זיך אין אמעריקע אלעמאל ארויסגעוויזן פאר א דורכפאל. אבער די רענק־און־פייל קאמוניסטן זיינען ניט שולדיק געווען וואס די קאמוניסטישע דואל־יוניאן פאליסי האט ניט געהאט קיין ערפאלג. זיי האבן דערפילט זייער פליכט. מען האט געגרינדעט טרעיד־יוניאן עדיוקיישאנעל ליגס און אנדערע שווארץ־יאר ליגס. וואו ס'איז נאר געווען א מעג־לאכקייט האט מען געגרינדעט זעלבסטשטענדיקע יוניאנס. דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל האט ארייגעלייגט א פארמעגן אין דעם דאזיקן עקספערימענט, אבער עס איז ניט געגאנגען.

צוליב דעם דואל־יוניאניזם איז אפילו פארגעקומען א שפאל־טונג אין דער אמעריקאנער קאמוניסטישער פארטיי. דזשעי לאוו־סטאן, דער דאמאלסטדיקער סעקרעטאר פון דער אמעריקאנער קאמוניסטישער פארטיי, האט ניט געגלויבט, אז אמעריקע שטייט אויפ'ן שוועל פון סאציאלער רעוואלוציע און ער האט אויך ניט געגלויבט אין דעם פלאן פון דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל — צו שפאלטן די יוניאנס און גרינדן דואל־יוניאנס. לאווסטאן האט זיך מיט נאך א זאך פארזינדיגט: ער איז געווען צו פריינדלאך מיט ניקאלאי בוכארין, און בוכארין איז שוין דאן געווען ביי סטאלינ'ען אויפ'ן צעטל ליקווידירט צו ווערן. אין 1929 האט שוין סטאלין אריינגענומען די לייצעס אין זיינע הענט און ער האט געהאט דעם פולשטענדיקן קאנטראל סיי פון דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי און סיי פון דעם קאמוניסטישן אינטער־נאציאנאל. ביז דאן איז נאך אין די סעקציעס פון די קאמוניס־טישע פארטייען פון דער וועלט געווען א קאפיטשקע דעמאקראטיע. די קאמוניסטן פלעגן נאך ביז יענער צייט האבן דאס רעכט דא און דארט ארויסצוזאגן מיינונגען וועגן געוויסע פאליסים. אבער ווען סטאלין האט איבערגענומען די לייצעס אין זיינע הענט, איז

איינגעשטעלט געוואָרן אַ פולשטענדיקע מאָנאָליטישע דיקטאַטור סיי אין רוסלאַנד און סיי אין אַלע קאָמוניסטישע סעקציעס פון דער וועלט, און אַלע קאָמוניסטן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מעכאַנישע קוקלעס. פאַר דער מינדסטער ווידערשפעניקייט האָט מען געלייגט אין חרם און אַרויסגעוואָרפן פון דער פּאַרטיי.

מיט וואָס האָט זיך די טרויעריק־באַרימטע „דריטע פעריאָדע" געענדיקט? מיט סאָציאַלע רעוואָלוציעס אויף דער וועלט? ס'הויבט זיך ניט אָן. די דאָזיקע קאָמוניסטישע פעריאָדע איז פאַר־אַנטוואָרטלאַך, מער ווי אירגענד וועלכער אַנדער פאַקטאָר, פאַר ברענגען צו דער מאַכט דעם היטלעריזם און נאַציזם אין דייטשלאַנד.

ערשט ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד און ער האָט אָנגעפאַנגען זיינע נגישות און רדיפות אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אויף די קאָמוניסטן, איז געוואָרן קלאָר פאַר דער וועלט — און שפּעטער איז עס אויך געוואָרן קלאָר אפילו פאַר די קאָמוניסטן — צו וואָס פאַראַ אומגליקן עס האָט געבראַכט די זאָגענאַנטע קאָמוניסטישע ווילדע פאָליסים פון דער „דריטער פעריאָדע". איך זאָג, אַז אפילו פאַר די קאָמוניסטן איז געוואָרן קלאָר דער שרעקלאַכער טעות, וואָס זיי האָבן געמאַכט. איך שטיץ זיך אויף דעם פאַקט, וואָס אין 1936, **ווען זיי האָבן באַשלאָסן** ווידער צו ענדערן זייער פאָליסי, האָבן די קאָמוניסטן אַליין אָפן און פריי צוגעגעבן, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות מיט דעם וואָס זיי האָבן געשפּאָלטן די יוניאָנס, וואָס זיי האָבן באַצייכנט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַלס סאָציאַל־פאַשיסטן, און אַזוי ווייטער. אין 1936 איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקער איבערברוך אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אָבער מען האָט ניט געדאַרפט זיין קיין טיפער דענקער צו זען, אַז דער איבערברוך איז געווען אַן אויסערלאַכער און ניט קיין אינערלאַכער. אינערלאַך האָבן זיך די קאָמוניסטן גאָרניט געענדערט. דער איבערברוך איז געקומען בלויז אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס סטאַלין האָט זיך דערשראָקן פאַר היטלער'ן.

דערביי דאַרף מען האַלטן אין זינען, אַז פון 1919 ביז 1936 איז דער וויכטיקסטער אינסטרומענט ביי די קאָמוניסטן געווען די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. דורך דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג האָט דער קאָמוניזם געהאָפט אויסצושפּרייטן דעם איינפלוס אויף די אַרבעטער און דורך דעם קריגן מער פּאָליטישן איינפלוס און

פּאָליטישע מאַכט, און אַזוי אַרום ווערן אַ כוח און איבערנעמען די הערשאַפט פון דער וועלט. פון 1919 ביז 1936 איז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל געגאַנגען אין דער דאָזיקער ליניע. ערשט אין 1936, ווען דער קאָמוניזם האָט דערפילט, אַז ס'איז דאָ אַ געפאַר, אַז פאַשיזם זאָל פאַרפלייצן די וועלט, האָבן די קאָמוניסטן באַשלאָסן, אַז מען קען זיך ניט באַנוגענען מיט די טרעיד־יוניאָנס אַלס די איינציקע פעריפעריע, אַז מען דאַרף דעריבער אויסשפּרייטן די פעריפעריע. זיי האָבן דאַן אָנגעפאַנגען אַגיטירן פאַר פאַראייניגטע פראָנטן, פאָלקס־פראָנטן, פאַר צוציען די ליבע־ראַלן, בקיצור פאַראייניגן זיך מיט יעדן איינעם, וואָס איז גרייט צו העלפן זיי אין דעם קאַמף געגן פאַשיזם. די קאָמוניסטן האָבן געקראָגן אינסטרוקציעס אויפצולייזן זייערע דואַל־יוניאָנס, אריינ־צוגיין אין די עקזיסטירנדע יוניאָנס און אָנווענדן אַ מילדע פּאָליסי. מען האָט געהייסן די קאָמוניסטן צו מאַכן די גרעסטע קאָמ־פּראָמיסן, אַבי נאָר צוריק אריינצוואַווארימען זיך אין די יוניאָנס. אין יענעם מאָמענט האָט פאַר די קאָמוניסטן ניט געשפּילט קיין ראָלע, צי אַ באַטרעפנדע יוניאָן ווענדעט אָן אַ מיליטאַנטישע אָדער אַן אָפּאָרטוניסטישע טרעיד־יוניאָן פּאָליסי. די וויכטיקסטע זאַך פאַר די קאָמוניסטן איז געווען, אַז אַ באַטרעפנדע טרעיד־יוניאָן זאָל זיין גרייט צו גיין צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן אין די זאָגענאַנטע אומשולדיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיי האָבן באַשאַפן, מיט'ן צוועק צו באַקעמפן דעם פאַשיזם. ווען די זאָגענאַנטע אומשולדיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פון די קאָמוניסטן, וואָלטן טאַקע געהאַט דעם אויסשליסלאַכן צוועק צו באַקעמפן דעם פאַשיזם, וואָלטן ניט אויסגעמאַכט; אָבער, ווי איך האָב פריער באַמערקט, האָבן זיך די קאָמוניסטן אינערלאַך ניט געענדערט. זיי האָבן גלייכצייטיק אויסגענוצט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס כדי אויסצושפּרייטן דעם איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

נאָך דער ביטערער ערפאַרונג, וואָס ספּעציעל די טרעיד־יוניאָנס האָבן געהאַט מיט די קאָמוניסטן אין פאַרלויף פון די יאָרן פון 1919 ביז 1936, האָט מען געקענט ערוואַרטן, אַז אונזערע פּראַקטישע און ערפאַרענע טרעיד־יוניאָניסטן וועלן זיך ניט לאָזן ארייננאַרן פון די קאָמוניסטן אין אַ פאַסטקע. צום באַדויערן, מוזן מיר אָבער פאַרצייכענען, אַז אַ גרויסע צאָל פון אונזערע טרעיד־יוניאָניסטן האָבן ניט פאַרשטאַנען, אָדער בעסער געזאָגט, מען

האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מען פאַרשטייט ניט די געפאַר פון דער נייער קאָמוניסטישער פאָליסי. קיין איין טרעיד־יוניאָניסט מיט פּראַקטישן און קלאָרן פאַרשטאַנד האָט זיכער ניט געקענט גלויבן די קאָמוניסטן. אָבער פאַר איינציקע איז געווען באַקוועמער צו גלויבן. פילע האָבן גע'טענה'ט, אַז זיי זיינען מיד פון קאַמף און אַזוי ווי די קאָמוניסטן האָבן געענדערט זייער פּאָליסי, טאָ ווארום זאָל מען מיט זיי ניט קומען צו אַן אויסגלייך? איך וויל מיט קיינעם ניט פירן קיין חשבונות און איך בין ניט אויסן צו באַנוצן זיך מיט דעם אויסדרוק „אַי טאָלד יו סאָ". אויב איך אונטערשטרייך איצט אָבער דעם דאָזיקן פאַקט, איז עס בלויז פאַר איין צוועק: אַז עס זאָלן ניט באַגאַנגען ווערן קיין ווייטערדיקע טעות'ן. ספּעציעל אין דעם איצטיקן מאָמענט, ווען די קאָמוניסטן געפינען זיך אין אַ קאָנוואולסיוון צושטאַנד, איז נויטיק צו באַגרייפן פולשטענדיק די סיטואַציע כדי צו וויסן ווי אַזוי צו רעאַגירן אין די נעקסטע פאָר יאָר געגן די קאָמוניסטן אין די טרעיד־יוניאָנס.

די גרעסטע געפאַר פאַר דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג האָבן די קאָמוניסטן מיט זיך פאָרגעשטעלט אין די יאָרן פון 1936 און 1939. ווען די קאָמוניסטן האָבן געבויערט און געבראָכן פון אינווייניק, האָט מען זיי געקענט דערקענען; ווען די קאָמוניסטן האָבן געגרינדעט זייערע דואַל־יוניאָנס האָט מען געזען זייער קאָליר; אָבער בשעת זיי האָבן אָנגעפאַנגען צו פאָזירן אַלס אמת'ע פריינד פון דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג און אַז זיי זיינען געוואָרן קאָנסערוואַטיווער פון די סאַמע קאָנסערוואַטיווסטע, דאַן זיינען זיי געוואָרן נאָך אַ גרעסערע געפאַר. ס'איז דאַן פאַר פילע געווען קלאָר, אַז זיי לאַסטשען זיך אין דעם בוזים פון דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג אַזוי ווי אַ גיפטיגע שלאַנג און עס וועט קומען דער מאָמענט ווען די שלאַנג וועט אַריינשפּריצן איר גיפט. מיר האָבן געוועקט און מיר האָבן געוואָרנט און ס'איז געווען פאַר מיר די גרעסטע באַפרידיקונג, וואָס די מערסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן באַגריפן די געפאַר. זיי האָבן זיך מקריב געווען, פילע האָבן צוליב דעם פאַרלאָרן זייערע דזשאָבס, מען האָט געהונגערט, אָבער מען האָט געקעמפט ניט צו דערלאָזן, אַז די קאָמוניסטישע שלאַנג זאָל זיך איינגנאַדיען אין דעם קערפּער פון דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג.

זייער ווייניק האָבן געהאַט אַ קלאָרן באַגריף ווי טיף עס איז געלונגען די קאָמוניסטן אריינצודרינגען אין געוויסע טיילן פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. די גרעסטע אָנשטרענגונג האָבן די קאָמוניסטן געמאַכט אריינצודרינגען אין דער ס. אי. אָ. און זיין האָבן אויך געטאָן אַלעס מעגלאַכעס אריינצושטופּן זיך אין רעגירונגס אינסטיטוציעס. איינער קען זיך זיין ניט איינפאַרשטאַנען מיט די מעטאָדן וואָס די דאיעז-קאָמיטע האָט באַנוצט. אָבער די וואָס זיינען געווען אינפאָרמירט וועגן דעם עניין, האָבן געוואוסט, אַז ס'איז אַן אמת, אַז הונדערטער און הונדערטער קאָמוניסטן זיינען ארויפגעשמוגלט געוואָרן אויף'ן פעי-ראָל פון דער פעדע-ראַלער רעגירונג. פּרעזידענט רוזוועלט איז טאַקע ניט געווען פאַר-אַנטוואָרטלאַך פאַר דעם און סענאַטאָר וואַגנער איז אויך ניט געווען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דעם, וואָס די קאָמוניסטן האָבן זיך איינגענאַדיעט אין די פאַרשיידענע אדמיניסטראַציעס פון דער „נעשאָנעל לייבאָר רעלייישאָנס באָארד״; אָדער די „וועידזש און אואר אַדמיניסטריישאָן״, אָבער ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין אינפאָרמירטע קרייזן האָט מען גאַנץ אָפן גערעדט וועגן דעם, אַז כדי צו קריגן אַ פּאָסט אין וואַשינגטאָן, ספּעציעל אין דער „נעשאָנעל לייבאָר רעלייישאָנס באָארד״, איז נויטיק געווען אַ קאָמו-ניסטישע רעקאָמענדאַציע. ס'איז כמעט געוואָרן אונמעגלאַך פאַר איינעם צו קריגן אַ פּאָסט אין דער פעדעראַלער רעגירונג אויב ער איז באַקאַנט געווען אַלס אַ שאַרפער קעגנער פון די קאָמוניסטן. מעגלאַך, אַז אייניקע פון אייך דענקען, אַז אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג איז פאַראַן אַ געוויסע איבערטרייבונג, אָבער דער אמת איז, אַז אין אינפאָרמירטע קרייזן ווייס מען, אַז די לאַגע איז געווען נאָך געפערלאַכער ווי איך מאָל איר. האָט עמיצער געוואַגט צו מאַכן די באַשולדיקונג, אַז איינער פון לאַגוואַרדיאַ'ס סעקרעטאַרן איז אַ קאָמוניסט אָדער אַ קאָמוניסטישער נאָכלויפער, אָדער, אַז איינער פון לאַגוואַרדיאַ'ס הויפּט-קאָמישאָנערס איז אַ קאָמוניסטישער „סטודזש״, האָבן אַ צאָל ווייכהאַרציקע אין דער טרעיד-יוניאָן באַוועגונג דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגן און גע-טענה'ט, אַז סאָציאַל-דעמאָקראַטן זעען בלויז קאָמוניסטן פאַר זייערע אויגן. ווען ס'איז אָבער געקומען צו אַ קריטישן מאָמענט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַשולדיקונגען פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן זיינען געווען ריכטיקע.

ביי אייניקע וועט זיך שטעלן די פראגע: ווי אזוי האבן די קאמוניסטן דאס אלץ געקאנט דערגרייכן? די גאנצע זאך איז זייער ערקלערבאר. די קאמוניסטן זיינען ניט קיין אויבער־מענטשן. די קאמוניסטישע פארטיי אין אמעריקע וואלט ניט ווערט געווען קיין זייפן־בלאז ווען זי ווערט ניט געשטיצט פון א רעגירונג, וואס פארמאגט 180 מיליאן מענטשן און פארנעמט א זעקסטל פון דער ערד. וואס פארא ווערדע האט פאר אזא רעגירונג אויסצוגעבן א פיר־פינף מיליאן דאלער א יאר פאר קאמוניסטישער פראפאגאנדע? און ניט אלעמען קויפט מען אונטער מיט געלט, אייניקע קויפט מען אונטער מיט חניפה, אנדערע קויפט מען אונטער מיט דעם וואס זייערע ביכער ווערן ארויסגעגעבן און פארשפרייט אין רוסלאנד, און גאר פאר אנדערע איז עס א גרויסער כבוד, וואס מען לאדט זיי איין צו די גרויסע באנקעטן וואס ווערן ארגאנזשירט פון דער רוסישער אמבאסאדע אין וואשינגטאן. אט, צום ביישפיל, איז דזשאן לואיס, דער הויפט פירער פון דער סי. אי. א., געווען איינער פון די אפטע באזוכער ביי אזעלכע באנקעטן. און אפילו נאך דעם סטאלין־היטלער אפמאך, ווען פילע דיפלאמאטן האבן זיך אנטזאגט אנצונעמען די איינלאדונג צום באנקעט פון דער רוסישע אמבאסאדע, איז דזשאן לואיס ביי יענעם באנקעט אויך ניט אנוועזענד געווען, אבער זיין פרוי האט ער פונדעסטוועגן געשיקט.

אין אנפאנג, ווען איינער האט אנגעוויזן, אז די קאמוניסטן זיינען טיף ארייננעדרונגען אין דער סי. אי. א., האט מען אים באצייכנט אלס רעאקציאנער. עס זיינען דאן געווען אזעלכע גרויסע מעגלאכקייטן פאר דער סי. אי. א. די צייט איז געווען אזוי רייף צו ארגאניזירן די גרונד־אינדוסטריען פון לאנד, און דער איינציקער וועג ווי אזוי מען האט זיי געקענט ארגאניזירן, איז בלויז אויף אינדוסטריעלע יסודות. אין אנפאנג האבן פילע פראגרעסיווע טרעיד־יוניאניסטן געדענקט, אז די סי. אי. א. וועט בלויז דינען אלס פראפאגאנדע אינסטרומענט, צו העלפן ארגאניזירן די גרונד־אינדוסטריען. אבער שפעטער, ווען די סי אי. א. האט זיך פארנומען אויפ'ן געביט פון דואל־יוניאניזם און ביי דזשאן לואיס'ן האט זיך צעשפילט די אמביציע צו ווערן דער דיקטאטאר פון דער אמעריקאנער טרעיד־יוניאן באוועגונג, האבן זיך די אמת פראגרעסיווע טרעיד־יוניאניסטן גענומען דערוויטערן און אפטרייסלען

זיך פון דער סי. אי. אָ. ווער זיינען איצט פאַרבליבן די וואַרימסטע שטיצער פון דער סי. אי. אָ.? די קאָמוניסטן. און עס ווערט שוין קלאָרער פון טאָג צו טאָג, אַז דער סוף וועט זיין, אַז די קאָמוניסטן וועלן זיין די קברנים פון דער סי. אי. אָ.

איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען איצט אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, איז די פראַגע פון אייניקייט צווישן דער סי. אי. אָ. און אַ. פ. אָוו ל. אויב עס וועט ניט פאַרקומען קיין אייניקייט, איז דאָ די גרעסטע געפאַר פון אַן אַנקומענדער רעאַקציע אין לאַנד. אַלע פּראָגרעסיווע טרעיד־יוניאָניסטן שטייען אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון אייניקייט. דזשאָן לואיס האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, און צוליב ריין־פּערזענלאַכע אַמביציעס דערלאָזט ער ניט צו קיין אייניקייט אין דער אַרבעטער באַוועגונג. און ווער זיינען די וואַרימסטע שטיצער פון לואיס'ן קעגן אייניקייט? ווידער די קאָמוניסטן.

עס זיינען נאָך אָבער אַלץ פאַראַן אייניקע, וואָס זוכן צו פאַרבאַהאַלטן דעם פאַקט, ווי טיף די קאָמוניסטן זיינען אַריינגעדרונגען אין דער סי. אי. אָ. אָבער געוויסע פאַקטן קען מען ניט דערשטיקן.

אָט, צום ביישפּיל, איז מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַרגעקומען דאָ אין ניו יאָרק אַ סטייט קאָנווענשאָן פון דער סי. אי. אָ. איך ווייס ניט אין וועמענס אינטערעסן עס איז געווען צו דערשטיקן די פאַקטן, וואָס עס איז פאַרגעקומען הינטער די קוליסן פון דער דאָזיקער קאָנווענשאָן. די פּרעסע האָט וועגן דעם זייער ווייניק־וואָס באַריכטעט. אָבער דער אמת'ער אמת איז, אַז ביי דער דאָזיקער קאָנווענשאָן איז געווען אַ מאַיאָריטעט פון קאָמוניסטן. די אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן איז געווען איינע פון די שטאַרקסטע און איינפלוסרייכסטע, וואָס איז געווען פאַרטראָטן ביי דער דאָזיקער קאָנווענשאָן. אָבער די קאָמוניסטן האָבן קאָנטראָלירט אַ צאָל אַנדערע, קלענערע יוניאָנס, וועלכע האָבן צוזאַמענגעשטעלט די מאַיאָריטעט. די ניו יאָרקער שניידער האָבן טאַקע אָנגענומען אַ רעזאָלוציע נעגן דעם סטאַלין־היטלער אָפּמאַך, אָבער צוליב דער קאָמוניסטישער מאַיאָריטעט ביי דער קאָנווענשאָן האָט אַזאַ רעזאָלוציע ניט געקענט אָנגענומען ווערן. ביי דער דאָזיקער קאָנווענשאָן האָבן די קאָמוניסטן געפאָדערט, אַז אַ קאָמוניסט זאָל ערווילט ווערן אַלס סעקרעטאַר פון דער סטייט־קאָמיטע פון דער

סי. אַי. אָ. צוערשט האָבן אפילו די קאָמוניסטן געפאָדערט, אַז זייערער אַ מענטש זאָל ווערן דער טשערמאַן פון דער סי. אַי. אָ. און ווער איז געווען דער רעדל־פירער פון די קאָמוניסטן ? מייקל קוויל, דער הויפט פון דער טראַנספאָרט־וואָרקערס יוניאָן. הינטער פאַר־מאַכטע טירן האָט די אַמאַלגאַמייטעד געמוזט סטראַשען, אַז די וויכטיקסטע דעלעגאַטן וועלן זיך צוריקציען פון דער קאָנווענ־שאָן אויב עס וועט ערווילט ווערן אַ קאָמוניסט אַלס סעקרעטאַר פון דער סטייט־קאָמיטע פון דער סי. אַי. אָ. אויב די קאָמוניסטן האָבן נאָכגעגעבן, איז עס געווען בלויז דערפאַר ווייל די צייט איז נאָך ניט געווען רייף פאַר זיי פאַר אַן אָפענער שפּאַלטונג.

ווי איר זעט, האָבן די קאָמוניסטן זייער חוצפה נאָך ניט פאַרלאָרן. זאָל זיך קיינער ניט איינריידן, אַז צוליב דעם סטאַלין־היטלער אָפּמאַך איז דער קאָמוניסטישער רוקן־ביין געבראָכן. אויב אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן זיינען די קאָמוניסטן באַ־גאַנגען די גרעסטע נידערטרעכטיקייטן, טאָ קענט איר זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס זיי וועלן וואַגן צו באַגיין אין דער איצטיקער קאָנוואולסיווער פעריאָדע, ווען זיי זיינען פאַרצווייפלט. אפילו אין נאָרמאַלע צייטן האָבן זיך די קאָמוניסטן ניט אָפּגעשטעלט אונטערצוטראָגן מסירה׳לעך צו דיסטריקט־אַטוירני דיואי, צום דעפּאַרטמענט אָיי דזשאָסטיס, און אַ. וו. מיט אַ יאָר צוריק איז אַזאַ פאַסירונג אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער עפנטלאַכקייט: אַ באַקאַנטער קאָמוניסט, דזשאָזעף זאַק, וועלכער האָט יאָרנלאַנג פאַרנומען ביי די קאָמוניסטן אַ וויכטיקן פּאָסטן אין זייער טרעיד־יוניאָן טעטיקייט, האָט פאַרלאָזן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ער איז ענטוישט געוואָרן אין דעם קאָמוניזם. דזשאָזעף זאַק איז אַן אַמעריקאַנער, געבוירן געוואָרן אין סקרענטאָן, פּאַ. האָבן צוויי קאָמוניסטן אונטערגעטראָגן אַ מסירה געגן אים צו דעם דעפּאַרט־מענט אָוו דזשאָסטיס און געשוואָרן אַפידייוויטס, אַז ער איז אַן אויסלענדער און איז געבוירן געוואָרן אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ס׳איז שווער פאָרצושטעלן זיך, וואָס די קאָמוניסטן וועלן איצט טאָן אין זייער פאַרצווייפלונג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז קיינמאָל ניט געווען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי; ס׳איז געווען אַן אַגענטור פון מאָסקווע, און איצט וועלן זיי אינגאַנצן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שפּיאָנאַזש־אַגענטור פון דער סאָוועטישער גע.־פּע.־או.

איצט וויל איך בארירן א צייטיקע, א מאמענטאלע פראגע. וועגן דער דאזיקער פראגע גייען איצט אן ויכוחים אין אונזערע רייען. איך ווייס, אז עס זיינען דא איבער דער פראגע מיינונגס־פארשיידנהייטן צווישן אייך. איך באצי זיך איצט צו דער פראגע, וואס עס דארף זיין אונזער שטעלונג אין באצוג צו די אנטוישטע קאמוניסטן, וואס פארלאזן איצט די קאמוניסטישע פארטיי. איך ווייס, אז פילע פון אייך טראגן זיך ארום מיט דעם געדאנק, אז מענטשן וועלכע האבן זיך אזוי לאנג געהאלטן אין דער קאמו־ניסטישער באוועגונג און זיי האבן רעכטפערטיגט די פאלעסטינער פאגראמען און די „פוירדזשעס" — אז אזעלכע מענטשן קען מען ניט געטרויען. אט איז ניט לאנג צוריק ארויסגעטראטן פון דער „פרייהייט" א גרופע באקאנטע שרייבער און זיי האבן גע־גרינדעט א „ליג קעגן דיקטאטור און פאשיזם". מיר האבן זיי אויפגענומען מיט אפענע ארעמס. אייניקע פון אונזערע גענאסן זיינען ניט געווען מסכים מיט אונז. אבער מיר גלויבן ניט, אז עס איז געזונט אנצואווענדן א פאליסי פון ארייגלייגן מענטשן אין חרם. עס האנדלט זיך דא אויך ניט וועגן קיין פערזענלאכן עלעמענט. דער דאזיקער ענין האט א פיל ברייטערע געזעלשאפט־לאכע באדייטונג. מיר זיינען דאך איבערצייגט, אז די גרעסטע צאל פון די קאמוניסטן זיינען פארפירט. איז אויב מיר זאלן אנווענדן א פאליסי, אז די וואס טרעטן פון דארטן ארוים לייגן מיר אריין אין חרם, טא ווי אזוי קענען מיר ערווארטן, אז קא־מוניסטן זאלן פארלאזן זייער פארטיי? איך גלויב פארקערט, אז אין דעם איצטיקן כאאטישן צושטאנד פון דער וועלט, אין דער דעמאראליזאציע וואס די קאמוניסטן האבן אריינגעבראכט, דארף גאר זיין אונזערער א ספעציעלער חוב, אויב מיר קענען ראטעווען מענטשן פון דעם קאמוניסטישן גהינום, ארויסצורא־טעווען זיי און העלפן זיי ארויסצופלאנטערן זיך פון דעם ווילדן נעץ אין וועלכן זיי האבן זיך פארדרייט.

עס האנדלט זיך איצט אויך וועגן א גרופע קאמוניסטן אין דער דרעסמאכער יוניאן, וואס האבן לעצטנס אויך פארלאזן די קאמוניסטישע פארטיי. די־דאזיקע גרופע האט ארויסגערופן נאך פיל מער פארדאכט, ווי די גרופע שרייבער וועלכע איך האב אויבן דערמאנט. עס זיינען פאראן אייניקע וואס פארדעכטיקן גאר, אז די דאזיקע מענטשן פון דער דרעסמאכער יוניאן זיינען

ארייגגעשיקט געוואָרן אַלס שפּיאָנען אין אונזער לאַגער. אייניקע וויזן אָן, אַז אַ פּאָר פון די דאָזיקע מענטשן זיינען אפילו נאָך דעם סטאַלין־היטלער אָפּמאַך ארומגעגאַנגען אין די שעפּער און אַגיטירט פאַר דעם דאָזיקן אָפּמאַך. אַז די קאָמוניסטן זיינען פּיאַיק ארייגצושיקן שפּיאָנען איז ניט קיין נייעס, אָבער אַלעמאָל ווען זיי האָבן ארייגגעשיקט שפּיאָנען, לאָמיר זאָגן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זיינען דאָ געווען מענטשן, וואָס האָבן אינערהאַלב דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געאַרבעט פאַר די קאָמוניסטן: זיי האָבן אַגיטירט פאַר פּאַראייניקטע פראָנטן, זיי האָבן שפּעטער געהאָלפן שפּאַלטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, און אַזוי ווייטער. איצט, הייסט עס, גלויבן אייניקע פון אונז, אַז די קאָמוניסטן האָבן אַריינגעשיקט אַזעלכע שפּיאָנען, וועלכע וועלן אָפיציעל און אין דער עפנטלאַכקייט אַרבעטן קעגן די קאָמונסטן. איך וויל ניט זאָגן, אַז יאָ און וויל ניט זאָגן אַז ניט; אויף די קאָמוניסטן איז אַלץ צו גלויבן. אויב אָבער די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַרנומען מיט אַזאַ מין טיפלשן שפּיל, פאַרגין איך זיי דעם דאָזיקן שפּיל מיט׳ן גאַנצן הארצן. אויפ׳ן שכל לייגט זיך ניט, אַז אַלע קאָמוניסטן וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער דרעסמאַכער יוניאָן זיינען שפּיאָנען. איך האָב נאָך אַלץ אַ בטחון אין מענטשן. מעגלאַך, אַז איינער פון זיי וואָלט געקענט זינקען צו אַזאַ נידעריקער מדרגה. אָבער וואָס וועלן די קאָמוניסטן קענען דערגרייכן מיט אַזאַ מין פּאָליסי? מיר קענען ניט אריינגיין צו קיינעם אין דער נשמה. אויב מענטשן קומען צו אונז און ערקלערן, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון קאָמוניזם, האָבן מיר קיין אַנדער ברירה ניט ווי אָנצונעמען די ערקלערונג. וואָס פאַרא אַנדער צוגאַנג קען מען האָבן אין אַזאַ פאַל? שטעלט זיך פאַר אין וואָס פאַרא לעכערלאַכער פּאָזיציע מיר וואָלטן זיך געשטעלט ווען מיר זאָגן צו די מענטשן, וואָס טרעטן אַרויס מיט אָפיציעלע דערקלערונגען קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז מיר גלויבן זיי ניט. ס׳וואָלט דאָך אריינגעבראַכט אַ שרעקלאַכן כאַאָס אין דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן. איך בין איבערצייגט, אַז די מערסטע וואָס וועלן אַוועקגיין פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זיינען ערלאַכע מענטשן, וואָס זיינען ענדליך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער סטאַליניזם איז אַ געפאַר פאַר דער מענטשהייט. איך גלויב, אַז ס׳איז אונזער פליכט זיי מקרב צו

זיין. עס איז אונזער פליכט צו מאכן פון זיי נוצלאכע מענטשן פאר דער געזעלשאפט, און די יעניקע פון זיי, וועלכע וועלן קומען צו סאציאל־דעמאקראטישע איבערצייגונגען, וועלן מיר זיי אויך דארפן אויפנעמען אין אונזער באוועגונג.

איך בין איבערצייגט, אז ביי פילע פון אייך שטייט שוין די פראגע אויף די ליפן: וואס דארפן מיר איצט טאן? ווי אזוי דארף מען האנדלען אונטער די איצטיקע אומשטענדן? וואס דארפן זיין אונזערע איצטיקע אויפגאבן אין די טרעיד־יוניאנס?

אויף דעם וויל איך ענטפערן מיט א משל: אלס א כלל באנוצן זיך זייער זעלטן מיט ציטאטן אדער פסוקים פון קארל מארקס. איך גלויב ניט, אז מארקס האט געקענט מיט א פופציק יאר פריער צושרייבן רעצעפטן פאר דער איצטיקער צייט, אבער איך וויל זיך דא באנוצן מיט א מעשה׳לע וועגן מארקס׳ן.

מען האט מארקס׳ן אמאל געשטעלט א פראגע: ווי קומט עס, וואס וועגן דער עקאנאמישער און פאליטישער סטרוקטור פון דער געזעלשאפט האט ער אנגעשריבן דריי ריזיגע בענדער, אנאליזירנדיק און צוגלידערנדיק יעדער איינציקע פאזע ווי אזוי אונזער געזעלשאפט פונקציאנירט און ווארום. אבער וועגן זיין פילאזאפישער באגרינדונג, וועגן דער מאטעריאליסטישער אויפפאסונג פון געשיכטע, אויף וועלכע דער גאנצער מארקסיזם איז געבויט, האט ער איינגאנצן אנגעשריבן א פאר פאראגראפן.

אויף דעם האט מארקס געענטפערט: אויב נאכדעם ווי איך האב עס געמאכט פאר מיין לעבנס־מיסיע צו אנאליזירן און דערקלערן די עקאנאמישע און פאליטישע פונקציעס פון דער געזעלשאפט, איז מיין פילאזאפיע ניט זעלבסטפארשטענדלאך, און מען דארף איר דערקלערן מער ווי אין א פאר פאראגראפן, איז דאס א סימן, אז איך האב ניט קלאר געמאכט מיין ציל דורך דער ארבעט.

דאס זעלבע וויל איך זאגן אין באצוג צו מיין רעפעראט: נאכדעם ווי איך האב פרובירט פאנאנדערגלידערן די פארשיידענע פעריאדן פון ברעכנדער און צושטערנדער טעטיקייט פון די קאמוניסטן אין דער טרעיד־יוניאן באוועגונג, דאן איז פאר מיר אפילו איינגאנצן ניט נויטיק צו ציען שלוסן וועגן דעם, וואס עס דארף זיין איצט די פאליסי אין באצוג צו די קאמוניסטן אין די טרעיד־יוניאנס. ניט פארמולירנדיק קיין פאליסי, האט דער

פראַקטישער שכל דיקטירט לעצטנס, אַז מען קערט אויס די קאָמוניסטן אין די יוניאָנס אַזוי ווי מיסט אין רינשטאָק אריין. פארשטייט זיך, אַז אין דער איצטיקער פעריאָדע פון קאָנוואולסיעס און פאַרצווייפלונג פון קאָמוניזם, איז זייער נויטיק צו פאַר־שטאַרקן אונזער וואך. אָבער אויסער דעם, דאַרפן סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויך זיין אַ פאַזיטיווער כוח אין דער טרעיד־יוניאָן באוועגונג. מיר דאַרפן ניט אויסאַרבעטן קיין באַשטימטע פאַליסי, מיר דאַרפן ניט געבן קיין באַזונדערע אינסטרוקציעס צו סאָציאַל־דעמאָקראַטן ווי אַזוי צו האַלטן און פירן זיך אין די טרעיד־יוניאָנס; אָבער דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער עלעמענט, דאַרף דינען אַלעם צעמענט, וואָס זאָל צוזאַמענהאַלטן און גרופּירן אַלע פּראָגרעסיווע כוחות. עס איז ניט גענוג בלויז צו באַקעמפן די קאָמוניסטן. אין אונזערע פריערדיקע קאַמפן קעגן די קאָמו־ניסטן האָבן זיך צו אונז צוגעשאַרט אַ ניט־געווינטשטער עלע־מענט, וואָס האָט אונז קיין כבוד ניט געבראַכט. אין דער צו־קונפט דאַרפן מיר זיך היטן פון דעם. עס איז אונזער פליכט צו אַרבעטן פאַר דעם, אַז די יוניאָנס זאָלן זיך פירן אין אַן ערלאַכן, דעמאָקראַטישן און פּראָגרעסיוון גייסט. עס איז אונזער פליכט צו אַרבעטן פאַר דעם, אַז די יוניאָנס זאָלן ניט צעטיילט ווערן אויף פריווילעגירטע און ניט־פריווילעגירטע עלעמענטן. די פאַראַנטוואָרטליכקייטן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דער איצ־טיקער קריטישער פעריאָדע פון דער וועלט זיינען פיל, פיל מאָל גרעסער ווי ווען עס איז פריער.

נ. כאַנין

די פאַרניכטונג פון דער אידישער סאָציאַליס-טישער באַוועגונג אין פוילן און די אויפגאַבן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע

דעם אמת געזאָגט איז די אויפגאַבע מיינע היינט ניט זייער קיין גינסטיקע. דאָס איז דערפאַר ווייל מען דאַרף רעדן וועגן דעם, וואָס עס איז געווען און וואָס עס איז היינט צייטווייליק מער ניטאָ, מיין אויפגאַבע איז אויך זייער אַ שווערע, קאָמפּליצירט דורך דעם, וואָס אונטער די איצטיקע אומשטענדן איז אפילו אונ-מעגלאַך צו מאַכן פּראָגנאָזן וועגן דעם מאָרגן, וואָרים דער אידישער מאָרגן ווי דער מאָרגן פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג איז אינגאַנצן אָפּהענגיק אָן די רעזולטאַטן פון דער מלחמה. און די רעזולטאַטן פון דער מלחמה זיינען, טראָץ אונזער טיפן וואונטש און אפילו אונזער איבערציינונג, אַז די עלאַים וועלן געווינען, דאָך אונטערוואָרפן צו אַלערליי איבעראַשונגען.

היינט גראָד האָב איך דערהאַלטן אַ בריף פון זייער אַן אָנגע-זעענעם אידישן סאָציאַליסט. זיין נאָמען קען איך אייך ליידער ניט איבערגעבן, אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז ער איז אייך אַלעמען גוט באַקאַנט. דער בריף איז אַדרעסירט צו מיר אָבער דורך מיר ווענדט ער זיך צום אידישן אַרבעטער קאָמיטעט. ער שרייבט, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן אין אַ נעטראַלן לאַנד כדי מיר צו שרייבן און דער בריוו זאָל ניט דאַרפן דורכגיין די מלחמה-צענזור און זאָל קאָנען אָנקומען אין אַמעריקע אָן קיינע שווע-ריקייטן. ער שרייבט וועגן דער מלחמה און ער דריקט אויס די מיינונג, אַז די עלאַים וועלן די מלחמה זיכער געווינען. ער איז גענוי באַקאַנט מיט די רעגירונגס פּאָליסים פון די לענדער וואָס זיינען אין קריג. איך וועל דאָ ציטירן אַ טייל פון זיין בריוו:

„ביי אונז איז ניטאָ קיין צווייפֿל, אַז די עלאַיס וועלן דעם קריג געווינען סיידן עס זאָל געשען עפּעס גאָר אונערוואַרטעטעס. אָבער די רעזולטאַטן פֿון דעם געוואונענעם קריג וועט מען ערשט זען אַ סך שפּעטער ווי מען האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. די פֿראַנצויזישע רעגירונג", שרייבט ער, „טוט אַלעס אין אירע מעגלאַכקייטן, אַז אירע אַרמעען זאָלן ניט פֿירן קיין אַקטיוון קריג. מען דאַרף אָנהאַלטן די פּאָזיציעס, זיין גרייט מיט גרויסע מאַסן סאָלדאַטן און דאָך זיך צוריקהאַלטן פֿון אַקטיוון אָנגריף. מען איז זיכער, אַז דער קריג וועט ניט געוואונען ווערן דורך דער גרויסער צאָל פֿון געזונקענע שיפֿן אָדער דורך דעם פֿאַרלוסט פֿון אַ סך לעבנס, נאָר, אַז געוואונען ווערן וועט ער דורך אויסהונגערן דייטשלאַנד. וויפֿיל עס דאַרף נעמען אויסצוהונגערן דייטשלאַנד קען קיינער קיין נביאות ניט זאָגן. מען שפּעקולירט, מען רעכנט, אָבער געוויס וויים מען ניט. וואַרשיינלעך וועט נעמען אַ לאַנגע צייט ביז דייטשלאַנד וועט עקאָנאָמיש צוזאַמענברעכן. ווען דער שיקזאַל פֿון דער וועלט דאַרף אויסגעפֿאָכטן ווערן ניט דורך אַרמעען, וועלכע שטייען איינע קעגן די אַנדערע, נאָר דורך אַ פּראָצעס פֿון אויסמאַטערן אַ לאַנד איז זייער שווער צו זאָגן ווי לאַנג אַזאַ פּראָצעס קען געדויערן. עס קען זייער זיין, אַז עס וועט אָנהאַלטן אַ סך לענגער ווי די לעצטע גרויסע וועלט מלחמה".

דאָס וואָס איך האָב אייך דאָ איבערגעגעבן פֿון בריף וואַרפֿט אַ קלאָרע ליכט אויף דער היינטיקער וועלט־סיטואַציע און פֿון דעם קענט איר זען ווי שווער עס איז צו רעדן וועגן דער צוקונפֿט פֿון אידישן פֿאָלק, ווי אויך פֿון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

דאָס אידישע עקאָנאָמישער, גייסטיק־קולטורעלער לעבן אין פּוילן איז אינגאַנצן פֿאַרניכטעט. אין פּוילן איז פֿריער געווען אונזער שטאַרקסטע אידישע אַרבעטער באַוועגונג. און ניט נאָר אונזער שטאַרקסטע, נאָר אויך די פֿול־בלוטיקסטע אידישע אַרבעטער באַוועגונג. צוליב אַ גאַנצע רייע סיבות, צוליב פֿאַרשידענע היסטאָרישע אורזאַכן איז דער פּוילישער אידישער לעבן בכלל און דער אידישער אַרבעטער לעבן בפֿרט אונז געווען אַמנאָענטסטן, ער איז געווען אַזוי ענג אָרגאַניש צוזאַמענגעבונדן מיט אַלע אונזערע אידישע ישובים אין דער וועלט. דער באַדייטענדיקער אידישער אַרבעטער ישוב אין פּאַלעסטינע איז נאָך יונג און שטייט

נאָך נישט אויף זיינע אייגענע פיס, ווייל ער לעבט נאָך אַלץ אויפ'ן חשבון פון די ריזיקע געלט־סומען פון „גלות".

אָבער דער דאָזיקער אידישער ישוב אין פוילן, איז איצט פאַרניכטעט געוואָרן.

מיט אַ צוויי אָדער דריי מאָנאַטן איידער היטלער האָט דער־קלערט קריג זיינען אין פוילן פאָרגעקומען שטאָט־וואַלן. די פוי־לישע רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט געוואָלט אויספּרובירן דעם סענטימענט פון דער באַפעלקערונג פאַר די קומענדע נאַציאָנאַלע סיים־וואַלן און די פּראָבע האָט געצייגט, אַז אין אַלע וויכטיקסטע שטעט פון פוילן האָבן געוואונען די פוילישע סאָציאַליסטן צוזאַ־מען מיט די אידישע סאָציאַליסטן. אין די אידישע שטעט און שטעטלאַך האָבן געוואונען די אידישע סאָציאַליסטן אונטער דער פירערשאַפט פון „בונד" און אומגעפער זיבציק פּראָצענט פון אַלע אָפּגעגעבענע שטימען זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אַרום דער ליסטע פון „בונד". ווען מיר רעדן וועגן „בונד" פון יענע שטעט, דאַרפן מיר געדענקען, אַז דאָס איז נישט געווען קיין צופע־ליקער זיג פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. דאָס איז געווען אַ זיג געבויט אויף אַ פעסטן פונדאַמענט פון אַ פּאַרטיי, וואָס האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן און אפשר דעם וויכטיקסטן פּלאַץ אין אידישן לעבן. דאָס איז געווען די פּאַרטיי, וואָס האָט אויסגע־שפּרייט איר איינפלוס ניט צייטווייליק און ניט אויבערפלעכליך.

דער „בונד" האָט אריינגעדרונגען אין אַלע וויכטיקע צווייגן פון אידישן לעבן אין פוילן. אין קולטורעלן לעבן, אין אינ־דוסטריעלן, אין דער דערציאונג און אויסבילדונג פון דער יוגנט. מיט איין וואָרט אַלץ וואָס האָט געלעבט און געאָטעמט מיט קאַמפּס־לוסטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום „בונד" און אַרום דער אידעאָלאָגיע פון „בונד". און דערפאַר איז די אידישע אַרבעטער באַוועגונג פון פוילן געווען אַזוי שטאַרק. ניט קוקנדיק אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער אידישער געזעלשאַפטלאַכקייט, ניט קוקנדיק אויף דעם שטאַרקן איינפלוס פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע, ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם איז די אידישע אַרבעטער באַוועגונג פון פוילן געווען דער פירנדער כח. און עס איז דאָרט ניט געווען איין וויכטיקע קאָנסטרוקטיווע באַוועג־גונג, וועלכע זאָל ניט געפירט ווערן, זאָל ניט געבויט ווערן און זאָל ניט סטימולירט ווערן פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אונטער דער אָנפירונג פון „בונד".

דאָס איז געווען מיט אַ צוויי אָדער דריי מאָנאַטן איידער היטלער האָט דערקלערט קריג פּוילן. ווען פּוילן איז געפאַלן האָט דער גאַנצער אידישער לעבן צוזאַמענגעבראָכן. די דייטשע רעגירונג האָט ביים פאַרכאַפּן פּוילן געשטעלט זיך די אויפגאַבע צו פאַרניכטן פיזיש דעם אידישן פאָלק פון לאַנד. דאָס איז אַ נאַטירלאַכער טייל פון דער נאַצישער־היטלער פּראָגראַם. מיר לעזן צייטונגען און מיר וויסן גאַנץ גענוי, אַז דער אידישער לעבן אין פּוילן, דער אידישער אַרבעטער לעבן, איז מער צובראָכן געוואָרן ווי עס איז צובראָכן דאָס פּוילישע לעבן.

און דאָך — ווי איז איצט די לאַגע אין פּוילן? אַט באַריכטן די צייטונגען, אַז אין וואַרשע האָט מען גע'הרג'עט 53 אידן, דערפאַר וואָס מען האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי האָבן דערשאָסן אַ דייטשן פּאָליציאַנט; אַט לייענען מיר, אַז די אידישע באַפעלקערונג איז אָפּגעזונדערט געוואָרן, אַרומגערינגלט געוואָרן מיט שטעכיק דראָט, איינגעצאַמט געוואָרן אין אַ פאַסטקע, פאַריאָגט געוואָרן פון אַלע באַשעפטיקונגען, באַרויבט און באַשווינדלט געוואָרן. אין יעדער באַציאונג באַגייט מען זיך מיט זיי ווי מיט הינט און, אַז די שרעק און פאַרצווייפלונג, וואָס עקזיסטירט צווישן די אידישע מאַסן איז ניט צום שילדערן. און מערקווירדיק! אונטער אַזוינע אומשטענדן זיינען דאָך איינגעשטעלט געוואָרן פאַרבינדונגען צווישן די פּוילישע אידישע סאָציאַליסטן מיט די סאָציאַליסטן פון אַנדערע לענדער און עס ווערט אָנגעפירט דאָרט אַ העלדישע אונ־טערערדישע באַוועגונג. די איינצלהייטן ווי אַזוי דאָס איז געטאָן געוואָרן קענען פאַר דער עפנטליכקייט נאָך ניט אַרויסגעבראַכט ווערן, אָבער ווען זיי וועלן אַמאָל יאָ באַקאַנט ווערן וועט מען ערשט דאַן זען וואָס פאַראַ מסירת נפש, וואָס פאַר איבערגעבנהייט, וואָס פאַראַ העלדישקייט די אידישע אַרבעטער פון פּוילן פאַר־מאָגן. די אונטערערדישע באַוועגונג פון פּוילן האָט שוין באַוויזן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער וועלט. מאַנכע גענאָסן וואָס געפינען זיך דאָ, אפשר אַ צוויי, דריי, זיינען מיט די איינצלהייטן ווי אַזוי דאָס איז צושטאַנד גע־קומען, באַקאַנט, אונז פאַרדריסט וואָס מיר קאָנען ניט, אין דעם מאָמענט אַלעמען מיט דעם באַקאָנען.

פון די נאָענטע לענדער גייען געגנבעטערהייד אידישע סאָ־ציאַליסטן אין פּוילן, איינשטעלן די אַרבעט. ברייינגען מיט גלויבן

און האפנונג, אז דער טאג פון פרייהייט איז נאענט. קענט איר זיך פארשטעלן א גרעסערע מסירת נפש ווי פארלאזן א פריי לאנד און אריינגיין אין א לאנד פון רציחה און טויט־געפאר, כדי צו קריגן אינפארמאציע וועגן דער לאגע פון די אידן און די אידישע ארבעטער און כדי צו ארגאניזירן זיי?

די אונטערערדישע באוועגונג אין פוילן היינט־צו־טאג איז א שטארקערע ווי די אונטערערדישע באוועגונג אין דייטשלאנד. און דאס דארף, לויט מיין מיינונג, באטראכט ווערן אלס א נאר־מאלע דערשיינונג. די דייטשע הערשאפט אין פוילן איז א פרעמדע, אין דייטשלאנד איז זי אן אייגענע. די פוילישע באוועגונגען, אפילו יענע, וואס זיינען געווען גענויגט צו נאציזם, זיינען איצט פיינדלאך צו די נאצים, ווייל זיי האבן פארניכטעט פוילן. קיין פוילישע אטמאספערע פאר דער דייטשער הערשאפט איז אין ערגעץ אין פוילן ניטא. וועגן די אידן איז אפגערעדט. מענטשן וואס ארבעטן אונטער־ערדיש געפינען איצט א באהאלטענעם פלאץ צווישן באלעבאטישע אידן, וועלכע זיינען אין פריערדיקע צייטן געווען פרעמד און פיינדלאך צו דער אידישער ארבעטער באוועגונג. איך האב ביים אנפאנג געזאגט, אז מיין היינטיקע אויפגאבע איז א שווערע, א שווערער צוליב דעם ווייל דעם מאטעריאל וועלכן מיר באזיצן, די אינפארמאציע, וואס האט אונז אהער דערגרייכט, קען פאר דער עפנטלאכקייט ניט ארויסגעגעבן ווערן. עס קען זיין, אז אין עטלעכע מאנאטן ארום, וועלן אין דער אדער אין יענער פארמע ענטפלעקט ווערן א סך זאכן, וועגן וועלכע מיר וויסן היינט, אבער וועלכע מיר קענען פאר דער עפנטלאכקייט ניט ארויסברענגען.

אין איין זאך זיינען מיר זיכער, און דאס איז, אז ווען דער קריג וועט געענדיקט ווערן מיט דעם זיג פון די עלאים איבער די דיקטאטארן און פוילן וועט ווערן פריי, וועט שנעל צוריק אויפשטיין די ארבעטער באוועגונג, וועלכע איז אינגאנצן אין פוילן נאך ניט פארניכטעט געווארן.

אין ווארשע און אין א גאנצע רייע פון שטעט אין פוילן האבן די אידישע קהילות געגרינדעט קיכן, וואו די ארעמע אויס־געהונגערטע מאסע קומט אפעסן א טעלער זופ, און היימלאזע קומען אריין זיך אנווארעמען. און אין די זעלבע שטעט און שטעטלעך האבן זיך אויך געעפנט ארבעטער קיכן, אויסגעהאלטן

פון „בונד" און פון אַנדערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע קיכן זיינען דער צענטער פון געמיינזאַמען צוזאַמענקונפט פון געזעלשאַפטלאַכער טעטיקייט. די מענטשן וואָס קומען אַהין פאַרשטייען זיך אויפן וואונק. מען רעדט מיט די אויגן. מען קלייבט זיך צוזאַמען צי די רעגירונג וויל צי ניט. דאָס איז זייער פאַרשטענדלאַך. די אידישע אַרבעטער מאַסע ווייס ווי איבערצו־קומען שוועריקייטן. וויפיל געטאָס מען זאָל אין פוילן ניט שאַפן, ווי פיל פּאָליציייאישע מיטלען מען זאָל ניט אָנווענדן, קען מען אין אַ פּאָליציייאישן קאָרסעט דעם אידישן לעבן ניט איינשנורעווען.

אין דייטשלאַנד האָט זיך די אונטערערדישע באַוועגונג ניט געקאָנט אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייטן, ווייל דאָרטן זיינען געווען און עס זיינען נאָך אַלץ דאָ, גרויסע מאַסן, וואָס האָבן זייערע האָפענונגען פאַרבונדן מיטן היטלעריזם. אָבער אין וואַרשע און אין לאָדז ווייס מען, אַז היטלער איז אַן אומגליק פאַרן לאַנד און פאַר דער וועלט. וואָס שטאַרקער עס ווערן די אכזריות'ן אַלץ טיפער ווערט דער אָפּגרונט צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און דער אַרויפגעצוואונגענער דייטשער הערשאַפט.

מיר האָבן פאַר זיך אַ וויכטיקע אויפגאַבע. די דאָזיקע אונטערערדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין פוילן דאַרף פון אונז געהאָלפן ווערן. די הילף מוז קומען פון אונז אַמעריקאַנער אידן און אַרבעטער. די הילף קאָן ניט געגעבן ווערן פון „דזשאָינט". דער „דזשאָינט" טוט זייער וויכטיקע אַרבעט פאַר דער אידישער באַפעלקערונג, אין יענע לענדער וואו הילף איז מעגלאַך צו ברענ־גען, און דאָך קומען שוין פאַר אַ סך רייבונגען, קאָנפליקטן אויף די פלעצער צווישן פאַרשיידענע אידישע גרופן און קלאַסן. דעם „דזשאָינט" איז ביי זיין בעסטן ווילן זיך שווער צו צופּאַסן צו באַזונדערע אידישע גרופן. ער זעט פאַר זיך דעם גאַנצן אידישן פאָלק, און דערפאַר קאָן ער אָפטמאָל ניט זען די ספּעציעל נויטן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט. דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט וועט דאַרפן אויף זיך נעמען די גרויסע אַרבעט פון צו העלפן דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין אַלע אירע נויטן. מיר וועלן אויך דאַרפן דאָ ווירקן אויף דעם „דזשאָינט", אַז זיינע פאַרטרעטער אויף יענער זייט ים זאָלן זיין מער בוויגזאַם, מער עלאַסטיש, און צופּאַסן זיך צו די אָרטיקע ספּעציעלע באַ־דינגונגען.

אין ווילנע, צום ביישפּיל, טוט דער „דזשאָינט" אַ סך צו העלפן די פּליטים, וואָס זיינען אַהין אַנטלאָפן פון וואַרשע און פון לאָדז. אין ווילנע קענען זיי קיין אַרבעט ניט קריגן, די אידישע איינגעבוירענע באַפעלקערונג קאָן די אַנטלאָפענע ניט שפּייזן. נאָכדעם ווי רוסלאַנד האָט ווילנע אָפּגעגעבן צו ליטע האָט די רוסישע אַרמיי ביי פאַרלאָזן די שטאָט צוגענומען וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט: זיי האָבן צוגענומען פון די ווילנער פאַבריקן און ווערק־שטאַטן יעדע מאַשין. די קראָמען האָבן זיי אויסגעליידיקט. די באַפעלקערונג וואָס לעבט שוין דאָרטן פון דורות איז אַליין געבליבן אַרבעטלאָז און ברויטלאָז.

דער „דזשאָינט" האָט דאָרטן געעפנט קיכן, כדי צום אַלעם ערשט געבן אָפּצועסן די הונגעריקע; די האָט אויך געקויפט קליידער פאַר די אָפּגעריסענע; מענטשן זיינען געבליבן אָן וואוינונגען, אָן בעטגעוואַנט, האָט די „דזשאָינט" געקויפט בלענקעטס און זיי געטיילט צווישן דער היימלאָזער באַפעלקע־רונג. דער „דזשאָינט" האָט עס געטאָן אויף זיין וועג, מיט זיין סיסטעם און אויף קיין אַנדער וועג און מיט קיין אַנדער סיסטעם קען ער עס ווארשיינלעך ניט טאָן. די אידישע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן אין ווילנע, גרוים אין צאָל, האָבן זיך מיט דער „דזשאָינט" געשטעלט אין פאַרבינדונג און ביי זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן פאַר דער גרויסער גרופּע סאָציאַליסטן און אַרבעטער־טוער מאַכן אַן אויסנאַמע און געבן זיי הילף באַזונדער. געדענקט, זיי האָבן ניט געבעטן מער! די טענה איז געווען אַ גאַנץ פּשוט'ע: פאַראַן אין ווילנע אַ סך אַרבעטער פירער, אַר־בעטער טוער, מענטשן, וועלכע זיינען געווען דער פירנדער כח, דער גייסטיקער אָנשפּאַר פון די אידישע אַרבעטער מאַסן, צי זיי זיינען פון „בונד" צי פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס — נו, איז פאַר די דאָזיקע מענטשן שווער, צו טאַקע אונמעגלעך, זיך צו שטעלן אין די גרויסע לאַינס און וואַרטן אויף אַ טעלער זופּ. שטעלט זיך פאַר זייער לאַגע; שטעלט זיך פאַר ווי לאַנג עס וואָלט ביי אונז, באַוואוסטזיניקע אידישע אַרבעטער, גענומען ביז וואַנען מיר וואָלטן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק צו שטעלן זיך אין לאַין נאָך אַ טעלער זופּ. מעגלעך, אַז דער לעבן וואָלט אַזוי לאַנג געפּייניקט ביז מיר וואָלטן זיך אונטערגעגעבן, אָבער ביז וואַנען דאָס וואָלט

געשען וואָלטן מיר דאָך דורכגעמאַכט גרויסע לײדן. זוכן אונזערע חברים אַ וועג ווי אַזוי די דערשלאָגנקייט צו פאַרלייכטערן.

האָבן די פאַרטרעטער פון דער „דזשאָינט" דאָרטן געענטפערט, אַז דאָס איז אונמעגלעך. אונזערע מענטשן האָבן געבעטן מען זאָל זיי געבן די זופּ, דאָס ברויט און זיי וועלן איינאָרדענען, אַז ביי אימיצן אין אַ שטוב אָדער אין אַ לאָקאַל פון אַ יוניאָן וועט מען דאָס עסן אָנוואַרעמען און עסן אויף אַ מענטשלאַכן אופן. אָבער דער „דזשאָינט" פאַרטרעטער האָט געענטפערט, אַז ער קען ניט צעטיילן די אידן אין קאַטעגאָריעס און אַז ער קען דעם פאַרלאַנג ניט נאָכקומען, אַז אַלע מוזן שטיין אין לאַין פאַר דער טעלער זופּ!

מיר האָבן גענומען קריגן קייבעלס פון אונזערע חברים: מיר וועלן אין לאַין ניט שטיין, מיר וועלן בעסער אונטערגיין, זעט פּויעלן ביי דעם „דזשאָינט" אין אַמעריקע, אַז זיין פאַרטרעטער אין ווילנע זאָל האָבן איינזעעניש.

עס פרעגט זיך: קענען מיר זיך פאָרשטעלן, אַז אונזערע טוער זאָלן שטיין אין לאַין נאָך אַ טעלער זופּ? איך רוף ניט אָן קיין נעמען, אָבער אייך איז קלאָר די לאַגע פון אונזערע מענטשן דאָרטן . . .

דערווייל איז ניט וויכטיק ווי אַזוי מיר האָבן דעם דאָזיקן ענין דערליידיקט מיט דער „דזשאָינט". מיר וועלן פּרובירן ווייטער ווירקן אויף דעם „דזשאָינט", אָבער דערווייל דאַרפן מיר אַליין העלפן. און מיר, דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט, האָט טאַקע גרעסערע סומען געלט אין ווילנע געשיקט. וויפיל טרייסט, וויפיל צופרידנהייט, וויפיל גלויבן דאָס האָט דערוועקט ביי אונזערע חברים.

געדיינקט חבֿרים! איך רייד דאָ ניט וועגן יענע מענטשן, וועלכע האָבן אַלץ פאַרלאָרן, נײן, דאָס זיינען מענטשן, וועלכע טראָגן גלויבן און האָפענונג סיי צווישן די פּליטים אין ווילנע, סיי צווישן די אידן אין וואַרשע און אין גאַנץ פּוילן.

עס איז אונזער אויפגאַבע זייער האָפענונג אויפצוהאַלטן, זייער מוט צו נערן. עס איז אונזער פליכט צו שטיין אויף דער וואַך און צו העלפן אונזערע חברים אין יענע לענדער וואו דער פאַשיזם האָט פאַרכאַפּט די מאַכט.

עטלעכע ווערטער וועגן רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט פאַרנומען אַ היבשע צאָל אידישע שטעט. איך האָב געזען בריוו פון יענע

ערשטע, וואו די בריוו שרייבער דריקן אוים זייער צופרידנקייט, וואָס זיי זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער רוסישער ממשלה. און דאָס איז זייער נאַטירליך. דאָס מיינט ניט, אַז זיי דאַנקען גאָט, וואָס די פּוילישע זעלבסטשטענדיקייט איז געפאַלן. זיי דאַנקען בלויז גאָט דערפאַר, וואָס צווישן צוויי אומגליקן איז זיי אויסגעפאַלן דער קלענערער אומגליק. און פאַר זיי, אויף דעם מאָמענט, איז רוס־לאַנד דער קלענערער אומגליק. גענוי וואָס עס קומט פאַר אין דעם טייל פון פּוילן, וואָס געפינט זיך אונטער דער סאָוועטישער מאַכט, איז היינט שווער צו זאָגן, ווייל מען לאָזט קיינעם אַהין ניט אריין.

פאַראַן צווישן אונז אַ סך געוועזענע קאָמוניסטן, וועלכע טענה׳ן, אַז דער קאָמוניזם אין לענינ׳ן צייטן איז געווען אַ סך מילדער ווי אין סטאַלינ׳ן צייטן און זיי שרייבן דאָס צו, הויפּט־זעכליך צום כאַראַקטער פון סטאַלינען. דאָס איז פאַלש. לענינ׳ס קאָמוניזם איז געווען מילדער בלויז דערפאַר, ווייל דער קאָמוניזם איז דאַן געווען ביי זיין אָנפאַנג. דער קאָמוניזם האָט נאָך ניט גע־קענט באַהערשן אַלץ און אַלעמען, איז ער דערפאַר געווען לויזער, פרייער און ממילא איז אַלץ געווען מענטשלאַכער און די אַלע אונגערעכטיקייטן, וואָס זיינען דאַן באַגאַנגען געוואָרן זיינען געווען אומבאַדייטנד אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס עס איז געשען ווען די דיקטאַטור האָט זיך איינגעפונדעוועט. היינט־צו־טאָג איז דער קאָמוניזם אין ביאַליסטאָק און אין גראָדנאָ דער זעלבער קאָמוניזם, וואָס איז געווען אין מאָסקווע און אירקוטסק אין לענינ׳ס צייטן, אָבער אין יענע געגנטן האָט זיך דער קאָמוניזם שוין איינגעבירגערט, דערפאַר איז ער גרויזאַמער. אין גראָדנאָ און אין ביאַליסטאָק האָט דער קאָמוניזם ערשט אַריינמאַרשירט, איז דאָרטן דערפאַר נאָך פאַראַן אַ ביסל פרייהייט, דאָרטן לעבט נאָך לעניו. עס איז דאָרטן ערשט דער אָנפאַנג פון קאָמוניזם און דעריבער זעט איר אַזעלכע דערשיינונגען, וואָס מען קען ניט זען אין מאָסקווע. דער מוט ביי דער באַפעלקערונג איז נאָך ניט געבראָכן געוואָרן. דער ביאַליסטאָקער בונדיסט, וואָס ווערט אָוועקגעשטעלט צום געריכט האָט נאָך דעם מוט אויסצושרייען: איר זייט ליגנער!

פון די לעצטע נייעסן, וואָס מיר קריגן פון ביאַליסטאָק איז צו זען, אַז היינט־צו־טאָג זיינען נאָך פאַראַן דאָרטן גרופּן בונ־דיסטן, וועלכע מאַכן נישט שלום מיט דער מאַכט, אָבער זיי וועלן

מיט דער צייט פארניכטעט ווערן. דאָס איז דער נאַטירלאַכער סאָוועטישער גאַנג. מען וועט זיי מיטן וואָרצל אויסרייסן.

מיר גלויבן, אַז די „עלאָים" וועלן דעם קריג געווינען און היטלער און סטאַלין און זייער אונמענטשלאַכע דיקטאַטור וועט פון דער ערד אָראָפּגעווישט ווערן. דאָס וועט ענדערן דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער וועלט. און צו דער ענדערונג דאַרפן מיר, סאָציאַליסטן, זיין צוגעגרייט. מיר זיינען דער אַקטיווער אידישער אַרבעטער צענטער אין אַמעריקע. ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק און די גאַנצע אידישע אַרבעטערשאַפט מאַכט דורך אַ ביטערן געראַנגל, זיינען מיר די, וועלכע וועלן דאַרפן העלפן באַשטימען דעם שיקזאַל סיי פאַר אונזער פאָלק און סיי פאַר די אידישע אַרבעטער מאַסן. מיר וועלן זיך דעריבער מוזן אונטערגאַרטלען.

דורך דער קאָנפערענץ פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד וועט דאַרפן אַרויסגיין אַ רוף צו אַלע אידישע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן אין דינסט פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די גרעסערע פליכט צו ווערן דער אָרגאַן פון די אידישע פאָלקס- און אַרבעטער-עלעמענטן פון אַמעריקע פאַר דער גרויסער רעטונג אַרבעט פון די אידישע מאַסן אויף יענעם זייט ים.

קיין מאָל אין אונזער געשיכטע, זינט מיר האָבן פאַרלאָרן אונזער אייגן לאַנד, האָבן מיר ניט געלייגט קיין האָפנונג אויף מלחמות. יעדער מלחמה, האָט אונז, אידן, מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער, געבראַכט חורבן און פאַרניכטונג. עס איז ניטאָ נאָך אַ פאָלק אין דער וועלט, וועלכער האַסט קריג און גאַרט נאָך פרידן ווי מיר. דער טראַגישער צושטאַנד פון דער וועלט האָט אָבער געבראַכט צו דעם, אַז מיר, דער פאָלק פון אייביקן שלום זאָל זיין פאַר מלחמה. אונזער ווייטערדיקער עקזיס-טענץ ווי אַ פאָלק הענגט אָפּ אָן דעם זיג פון די דעמאָקראַטישע לענדער איבער די לענדער פון דיקטאַטור. מיט דעם זיג איז פאַרבונדן ניט נאָר אונזער עקזיסטענץ, נאָר די עקזיסטענץ פון אַלע פרייע פעלקער, די עקזיסטענץ פון גערעכטיקייט און מענטש-לעכקייט.

כל-זמן עס וועלן זיין לענדער פון דיקטאַטור און פאַשיזם הענגט אונזער לעבן אויף אַ האָר. אין דייטשלאַנד ווערן מיר פיזיש אויסגעראָטן. היטלער האָט זיין גאַנצע בעסטיאַליטעט אויס-

געגאַסן אויף אונזער פאָלק. מיט בלוט און שווערד פאַרניכטעט ער אונז.

די לאַגע פון אונזער פאָלק איז ווייט פון צו זיין בעסער אין סאָוויעט רוסלאַנד. אמת דאָרטן מאַכט מען אויף אונז ניט קיין פיזישע פאָגראָמען, אָבער גייסטיק ווערן מיר דאָרטן פאַרניכטעט. אויב די סטאַלין־דיקטאַטור וועט אין רוסלאַנד ווייטער אָנהאַלטן, וועט גייסטיק אונטערגיין א 5 מיליאָניקער אידישער ישוב.

דער זיג פון די עלאַיס, מיינט די פאַרניכטונג פון היטלערן און סטאַלינען און זייערע בלוטיקע רעזשימען, דאָס מיינט אויך א פרייע נייע פוילן, א פריי דייטשלאַנד און א דעמאָקראַטישע רוסלאַנד.

די מלחמה וועט זיך ענדיקן. מיר וועלן דאַרפן זיין אויף דער וואַך, אז ביים פרידנס־טיש פון דער וועלט זאָל די שטים פון אידישן פאָלק געהערט ווערן. אָבער פון וועמען זאָל אויפגעהויבן ווערן די דאָזיקע שטים?

פון די ציוניסטן? ניין! אויב מען וועט זיי נאָר הערן, וועלן זיי זיך זאָרגן נאָר פאַר דעם קליינעם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל, די אידן און דער אידישער לעבן פון אַנדערע לענדער וועט זיי ווייניק וואָס אינטערעסירן. זיי, די ציוניסטן, האַלטן זיך נאָך אַלץ ביי זייער פילאָזאָפיע, אז איין איד אין ארץ־ישראל איז מער ווערט ווי הונדערט אידן אין גלות.

איבערלאָזן דאָס צו אַנדערע זעלבסט־געקרוינטע אידישע פאַרזאָרגער און כלי־קודש? אוודאי ניט. דער אידישער ארבעטער־קאָמיטעט, וועלכער פאַרטרעט די אָרגאַניזירטע ארבעטער און פאָלקס־מאַסן, וועט צוזאַמען מיט אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין אַלע לענדער דאַרפן שטיין אויף דער וואַך ווען דער טאָג פון וועלט־שלום וועט קומען.

אָבער ניט נאָר דאַרפן מיר וואַרטן אויף יענעם טאָג, מיר דאַרפן אויך איצט ארבעטן. אונזער ארבעט איז א גרויסע און וויכטיקע. מיר דאַרפן שטאַרקן דעם מוט און גלויבן פון די אידישע מאַסן, וואָס געפינען זיך אין די לענדער פון דיקטאַטור און פאַשיזם. עס דאַרף צו זיי דערגרייכן אונזער רוף נישט אריינ־צופאַלן אין יאוש און פאַרצווייפלונג, נישט אויפצוגעבן דעם בטחון, אז לאַנג וועט אַזוי ניט בלייבן, אז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון זייער באַפרייאונג.

די אידישע סאָציאַליסטן האָבן אַלע מאָל פאַרבונדן דעם שיקזאַל פון אונזער פאָלק מיט דעם שיקזאַל פון די אַרבעטנדע מאַסן פון אַלע אַנדערע פעלקער, און מיר זיינען אויך איצט ניט ענטוישט אין דעם געפיל פון גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט ביי די ברייטע פאָלקס מאַסן פון אַלע אַנדערע פעלקער.

מיר דאַרפן העלפן שטאַרקן די אונטערערדישע באַוועגונג פון דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, פוילן און רוסלאַנד, די אונטערערדישע באַוועגונג ווי קליין זי זאָל איצט ניט זיין, איז זי דאָך דער קערן פון וועלכן עס וועט ארויסגעשפראָצט ווערן די פרייהייט פון די פעלקער. צו דער אונטערערדישער באַוועגונג באַלאַנגען די העלדישע און מוטיקע פון אַלע פעלקער. דאָס זיינען די הייליקע מאַרטירער מיט וועמעס בלוט עס ווערט באַפרוכפערט די ערד פאַר אַ שענערן און גליקלעכערן לעבן. דורך זייער אידעאַליזם און זעלבסטאָפּפערונג וועט די וועלט ארויסגיין אַ באַנייטע, און די מענטשן וועלן געהייליקט ווערן פאַר אַ יושר׳דיקן לעבן.

מיר לעבן אין אַ שווערער און גרויזאַמער צייט. דער שרעקלעכער קאָשמאַר פון דער וועלט טאָר אונז ניט דערשלאָגן, מיר דאַרפן זען צו שטאַרקן אונזערע כוחות, צו סטימולירן אונזער ענערגיע פאַר דער טאָג־טעגלעכער גרויסער רעטונג־אַרבעט און אַנטפּלעקן נייע האָריזאָנטן פון גליק און פרייהייט פאַר אונזער פאָלק און פאַר אַלע פעלקער.

ווערט אַ שטענדיקער לייענער פון

„וועקער"

„דער וועקער" איז דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

אין „וועקער" געפינט איר אויספירלעכע אַרטיקלען איבער דער סאָציאַליסטישער און טרייד-יוניאָניסטישער באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט.

„דער וועקער" באַהאַנדלט די פּראָבלעמען און פראַגן פון דער אידישער און אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג פון אַמעריקע און אייראָפּע.

אויב איר ווילט זיך באַקענען מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג און וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער וועלט, דאַן מוזט איר ווערן אַ שטענדיקער סובסקרייבער פון „וועקער".

דער איצטיקער סובסקריפּשאָן פּרייז פון „וועקער":

פאַר 1 יאָר — $1.00.

אַדרעס פון רעדאַקציע:

DER WECKER

175 EAST BROADWAY NEW YORK CITY

Telephone GRamercy 5-7994

שליסט זיך אָן אין דעם

אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד

175 EAST BROADWAY, N. Y. C., ROOM 303

Telephone GRamercy 5-7994

(פילט אויס דעם קופּאָן און שיקט אים אַריין)

נאָמען ....

אַדרעס ....

עלטער .... באַשעפטיקונג ....

ISBN:0-657-04690-6